STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00638

DER ONHEYBER

David Bridger

Permanent preservation of this book was made possible by
Marvin M. & Barbara L. Gray
in memory of
Isaac & Lena Gray and Jacob & Sarah Lederman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
אַנהייבער

פון
דוד ברידזשער

אילוסטרירט פון
נאָטע קאָזלאָווסקי

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „מתנות"
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

DER ONHEYBER

The Beginner

by

DAVID BRIDGER

ערשטע אויפלאַגע, 1947
צווייטע אויפלאַגע, 1949
דריטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, 1951
פערטע אויפלאַגע, 1953
פינפטע אויפלאַגע, 1955
זעקסטע אויפלאַגע, 1956
זיבעטע אויפלאַגע, 1957

Copyright, 1947 by
FARLAG MATONES
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street, New York 3, N. Y.

Printed in U. S. A. by
The Shoulson Press, New York, N. Y.
255

דער אָנהייבער

דער אַלף בית

30	20	10	9	8	7	6	5	4	3	2	1
ל	כ	י	ט	ח	ז	ו	ה	ד	ג	ב	א
ל	כ	י	ט	ח	ז	ו	ה	ד	ג	ב	א

400	300	200	100	90	80	80	70	60	50	40
ת	ש	ר	ק	צ	פ	פּ	ע	ס	נ	מ
ת	ש	ר	ק	צ	פ	פּ	ע	ס	נ	מ

סוף אותיות

ך ך ם ם ן ן ף ף ץ ץ

וואָקאַלן

אַ אָ ע י ו וי יי ײַ

אַ אָ ע י ו וי יי ײַ

אי או אוי איי אײַ

אי או אוי איי אײַ

דוו זש זש טש טש

סערעלע   בערעלע

1. דאָס איז סערעלע.

2. דאָס איז בערעלע.

3. סערעלע גייט.

4. בערעלע גייט.

ע — ס

ע–ס   עס

ס–ע   סע

ע – ס

ע–ס   עס

ס–ע   סע



1. דאָס איז אַ שול.

2. דאָס איז אַ ייִדישע שול.

3. בערעלע גייט אין שול.

4. סערעלע גייט אין שול.

5. בערעלע לערנט ייִדיש.

6. סערעלע לערנט ייִדיש.

נײַע ווערטער: שול, ייִדיש, ייִדישע, אין, לערנט

ר — ל

רע—רע—רע

לע—לע—לע

סע־רע־לע

ס ע ר ע ל ע

עס, סערעלע, עס!

ר—ל

רע-רע-רע

לע – לע – לע

סע־רע־לע

סערעלע

עס, סערעלע, עס!



1. דאָס איז אַ ייִדישע שול.

2. בערעלע איז אין שול.

3. סערעלע איז אין שול.

4. זיי לערנען אין שול.

5. זיי לערנען ייִדיש.

6. סערעלע האָט אַ בוך.

7. דאָס איז אַ ייִדיש בוך.

8. בערעלע האָט אַ בוך.

9. בערעלע האָט אַ ייִדיש בוך.

נײַע ווערטער: לערנען, האָט, בוך, זיי.

ב

ב־ער ב ע ר

בער־ל ב ע ר ל

בע–רע–לע

בערעלע

עס, בערעלע, עס!

ב

ב־ער בער

בער־ל בערל

בע-רע-לע

בערעלע

עס. בערעלע. עס!



1. אין שול לערנען קינדער.
2. אין שול לערנען ייִדישע קינדער.
3. די קינדער שרײַבן.
4. זיי שרײַבן ייִדיש.
5. זיי שרײַבן אין העפט.
6. זיי שרײַבן ייִדיש אין העפט.

7. בערעלע און סערעלע שרײַבן.

8. זײ שרײַבן ייִדיש אין העפט.

9. ייִדישע קינדער לערנען ייִדיש.

10. ייִדישע קינדער שרײַבן ייִדיש.

נײַע ווערטער: קינדער, שרײַבן, העפט, און, די.

ש — ו	ש — ו
שו-ל	שו-ל
שול	שול
בערעלע אין שול.	בערעלע אין שול.
סערעלע אין שול.	סערעלע אין שול.



1. די קינדער זיצן אין שול.

2. אַלע קינדער זיצן שטיל.

3. גוטע קינדער זיצן שטיל.

4. אין שול איז שטיל.

5. אין שול איז דאָ אַ לערער.

6. דער לערער לערנט מיט די קינדער.

7. אַלע קינדער לערנען ייִדיש.

8. אַלע קינדער שרײַבן ייִדיש.

9. זיי זיצן און לערנען.

10. זיי זיצן און שרײַבן.

נײַע ווערטער: זיצן, אַלע, שטיל, דאָ, לערער, דער, מיט, גוטע

אַ

אַ—לע

אַ לע

אַלע אין שול.

אַ לערער אין שול.

אַ

אַ-לע

אַ לע

אַלע אין שול.

אַ לערער אין שול.



1. אין דער פֿרי.
2. דער טאַטע שטייט אויף.
3. די מאַמע שטייט אויף.
4. סערעלע און בערעלע שטייען אויף.
5. אַלע שטייען אויף אין דער פֿרי.
6. די מאַמע זאָגט: גוט־מאָרגן, קינדער!

7. דער טאַטע זאָגט:
גוט־מאָרגן, קינדער!

8. סערעלע און בערעלע זאָגן:

9. — גוט־מאָרגן, טאַטע!

10. — גוט־מאָרגן, מאַמע!

11. — גוט־מאָרגן, גוט־מאָרגן!

נײַע ווערטער: אין דער פֿרי, שטייט אויף, שטייען אויף, גוט־מאָרגן, זאָגט, זאָגן.

מ

מ—אַ—מ—ע

מאַ—מע

מאַמע

בערעלעס מאַמע.

סערעלעס מאַמע.

מ

מ-אַ-מ-ע

מאַ-מע

מאַמע

בערעלעס מאַמע.

סערעלעס מאַמע.



1. אין דער פֿרי.

2. אַלע שטייען אויף.

גוט־מאָרגן!

3. דער טאַטע טוט זיך אָן.

4. די מאַמע טוט זיך אָן.

5. די מאַמע זאָגט: קינדער,
טוט זיך אָן!

6. סערעלע טוט זיך אָן.

7. בערעלע טוט זיך אָן.

8. די מאַמע וואַשט זיך.

9. דער טאַטע וואַשט זיך.

10. בערעלע און סערעלע וואַשן
זיך.

11. אַלע, אַלע וואַשן זיך אין
דער פרי.

נײַע ווערטער: טוט זיך אָן, וואַשט, וואַשן.

ט

טאַ-טאַ-טאַ

טע-טע-טע

טאַ-טע

טאַטע

בערעלעס טאַטע.

סערעלעס טאַטע.

ט

טאַ-טאַ-טאַ

טע-טע-טע

טאַ-טע

טאַטע

בערעלעס טאַטע.

סערעלעס טאַטע.

וו

וואַ-ש וואַש

וואַש-ט וואַשט

ער וואַשט זיך.

-ווער וואַשט זיך?

-בערעלע

וואַשט זיך.

וו

וואַ-ש וואַש

וואַש-ט וואַשט

ער וואַשט זיך.

-ווער וואַשט זיך?

-בערעלע

וואַשט זיך.



1. אין דער פרי.
2. די קינדער וואַשן זיך.
3. די מאַמע זאָגט: גייט עסן, קינדער!
4. די מאַמע גיט זיי עסן.
5. בערעלע וויל ברויט.
6. סערעלע וויל ברויט מיט פּוטער.

7. די מאַמע גיט זיי ברויט.

8. די מאַמע גיט זיי פּוטער.

9. די קינדער זיצן. די קינדער עסן.

10. זיי זיצן און עסן.

11. די מאַמע זאָגט: עסט, קינדער, עסט!

נײַע ווערטער: עסן, זיצט, גיט, ברויט, פּוטער.

אָ

וואָ—ס ?

וו אָ ס ?

— וואָס טוט בערעלע ?

— בערעלע וואַשט זיך.

— וואָס טוט סערעלע ?

— סערעלע עסט.

אָ

וואָ-ס ?

וואָס ?

— וואָס טוט בערעלע ?

— בערעלע וואַשט זיך.

— וואָס טוט סערעלע ?

— סערעלע עסט.



1. די קינדער זיצן און עסן.
2. זיי עסן ברויט מיט פּוטער.
3. סערעלע זאָגט: איך וויל מילך!
4. די מאַמע גיט סערעלען מילך.
5. בערעלע זאָגט: איך וויל אויך מילך!
6. די מאַמע גיט בערעלען מילך.

7. די מאַמע זאָגט: גייט, קינדער, לערנען!

8. די מאַמע גיט סערעלען אַ העפט.

9. זי גיט בערעלען אַ בוך.

10. די קינדער גייען לערנען.

נײַע ווערטער: וויל, אויך, מילך, גייען.

ד — י	ד — י
די	די
דער	דער
די מאַמע	די מאַמע
דער טאַטע	דער טאַטע
די מאַמע עסט.	די מאַמע עסט.
דער טאַטע עסט.	דער טאַטע עסט.



1. דאָס איז אַ ייִדישע היים.
2. סערעלע און בערעלע זײַנען אין דער היים.
3. אַלע זײַנען אין דער היים. אַלע, אַלע.
4. דער טאַטע זיצט בײַם טיש.
5. די קינדער זיצן אויך בײַם טיש.
6. סערעלע שרײַבט אין העפט.
7. בערעלע לייענט אַ בוך.
8. בערעלע לייענט אַ ייִדיש בוך.
9. דער טאַטע זיצט און לייענט.
10. דער טאַטע לייענט אויך אַ ייִדיש בוך.

נײַע ווערטער: היים, זײַנען, טיש, בײַם, לייענט.

אַ—ז

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז אַ טיש.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז אַ שטול.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז אַ בעט.

אַ — ז

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז אַ טיש.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז אַ שטול.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז אַ בעט.



1. עס איז שבת.
2. שבת איז דער פֿרי.
3. בערעלע און סערעלע לערנען
היַינט ניט אין שול.
4. זיי זיצן אין דער היים.
5. זיי שפּילן זיך אין „טאַטע־מאַמע".
6. בערעלע זאָגט: איך בין אַ גרויסער!
איך בין דער טאַטע!

7. סערעלע זאָגט: איך בין אַ גרויסע!
איך בין די מאַמע!

8. טאַטע־מאַמע זײַנען אין דער היים.

9. בערעלע זאָגט: טאַטע־מאַמע
זײַנען קינדער!

10. זיי זײַנען ניט קיין גרויסע!

11. טאַטע־מאַמע לאַכן. בערעלע און
סערעלע לאַכן.

12. סערעלע זאָגט: טאַטע! מאַמע!
זיצט שטיל!

13. — זיצט בײַם טיש! גייט עסן!

14. — איך בין די מאַמע! אַ מאַמע
גיט עסן!

15. די קינדער לאַכן. טאַטע־מאַמע
לאַכן. כאַ־כאַ־כאַ...

נײַע ווערטער: שפּילן, גרויסער, גרויסע, ניט, לאַכן, איך, בין,
שבת, הײַנט.

ה ז

הוי—ז הויז

דאָס איז אַ הויז.

וואָס איז דאָ אין הויז?

— אין הויז איז דאָ אַ טיש!

— אין הויז איז דאָ אַ שטול.

— אין הויז איז דאָ אַ בעט.

ה — ז

הוי-ז הויז

דאָס איז אַ הויז.

וואָס איז דאָ אין הויז?

—אין הויז איז דאָ אַ טיש.

—אין הויז איז דאָ אַ שטול.

—אין הויז איז דאָ אַ בעט.



1. עס איז זונטיק. זונטיק אין דער פרי.
2. עס קומען געסט.
3. די באָבע קומט. דער זיידע קומט.
4. די קינדער שפּילן זיך.
5. זיי שפּילן זיך און זיי לאַכן.
6. בערעלע שרייט: דער זיידע, דער זיידע קומט!
7. סערעלע שרייט: די באָבע, די באָבע איז דאָ!

8. זאָגט די באָבע: וואָס שרײַט איר, קינדער?

9. לאַכן בערעלע און סערעלע:

10. — מיר זײַנען ניט קיין קינדער! מיר זײַנען גרויסע!

11. לאַכט די באָבע: זיי שפּילן זיך אין „טאַטע־מאַמע"...

12. זיי זײַנען גרויסע. זיי זײַנען ניט קיין קינדער!

13. בערעלע שרײַט: מאַמע! מאַמע! עס קומען געסט!

14. — עס קומען גוטע געסט.

נײַע ווערטער: זונטיק, קומען, באָבע, זיידע, געסט, איר, שרײַט.

ג — יי

גיי, גיי, גיי.

גייט, גייט, גייט.

דער זיידע גייט.

די באָבע גייט.

דער זיידע איז דאָ.

די באָבע איז דאָ.

דער זיידע איז אַ גאַסט.

די באָבע איז אַ גאַסט.

גוטע געסט!

גוטע געסט!

ג — יי

גיי. גיי. גיי.

גייט. גייט. גייט.

דער זיידע גייט.

די באָבע גייט.

דער זיידע איז דאָ.

די באָבע איז דאָ.

דער זיידע איז אַ גאַסט.

די באָבע איז אַ גאַסט.

גוטע געסט!

גוטע געסט!

1. די באָבע און דער זיידע זײַנען דאָ!

2. די קינדער שפּילן זיך און לאַכן.

3. די מאַמע זאָגט:

4. — קינדער, זאָל זײַן שטיל. דער זיידע וויל שלאָפֿן.

5. — די באָבע וויל אויך שלאָפֿן.

6. סערעלע ווערט שטיל. זי לאַכט נישט. זי שרײַט נישט.

7. בערעלע ווערט נישט שטיל. ער לאַכט און שרײַט.

8. זאָגט סערעלע:

9. —בערעלע, בערעלע, זאָל זײַן שטיל!

—דער זיידע, דער זיידע וויל שלאָפֿן!

10. בערעלע ווערט שטיל. ער לאַכט ניט. ער שרײַט ניט.

11. בערעלע זאָגט: איך וויל זײַן אַ גוטער.

12. — זאָל דער זיידע שלאָפֿן; זאָל די באָבע שלאָפֿן.

13. עס ווערט שטיל. זאָגט די מאַמע:

— בערעלע און סערעלע זײַנען גוטע קינדער.



נײַע ווערטער: ווערט, זײַן, זאָל, שלאָפֿן, שטיל.

ד — ז

איך — אין

איך בין דאָ.

זי איז דאָ.

איך בין דאָ אין שול.

זי איז דאָ אין שול.

איך האָב אַ בוך.

זי האָט אַ בוך.

איך בין אַ גוטער.

זי איז אַ גוטע.

ד — ז

איך - אין

איך בין דאָ.

זי איז דאָ.

איך בין דאָ אין שול.

זי איז דאָ אין שול.

איך האָב אַ בוך.

זי האָט אַ בוך.

איך בין אַ גוטער.

זי איז אַ גוטע.



1. די מאַמע איז אין קיך. סערעלע איז אויך
אין קיך.

2. סערעלע פרעגט: מאַמע, וואָס טוסטו?

3. זאָגט די מאַמע: איך קאָך. די קינדער
דאַרפן עסן.

4. זאָגט סערעלע: מאַמע, מאַמע, איך בין
אַ גרויסע!

5. איך וויל העלפֿן! איך וויל העלפֿן!

6. זאָגט די מאַמע: קאַך, סערעלע, קאַך!

7. גוטע קינדער דאַרפֿן העלפֿן.

8. בערעלע קומט אויך אין קיך.

9. פֿרעגט בערעלע: וואָס טוסטו, סערעלע?

10. זאָגט סערעלע: איך קאָך. איך בין אַ גרויסע!

11. — איך וויל העלפֿן! גוטע קינדער דאַרפֿן העלפֿן!

12. לאַכט בערעלע: איך קאָך ניט! איך וויל עסן! כאַ־כאַ־כאַ...

13. — גוטע קינדער דאַרפֿן עסן... כאַ־כאַ־כאַ...

14. סערעלע לאַכט אויך. די מאַמע לאַכט אויך.

15. — גוטע קינדער דאַרפֿן עסן!.. כאַ־כאַ־כאַ...

נײַע ווערטער: קיך, טוסטו, קאָך, דאַרפֿן, העלפֿן, פֿרעגט.

ק

קי–ך קיך

די מאַמע שטייט אין קיך.
– וואָס טוסטו, מאַמע?
– איך קאָך.
– וואָס קאָכט די מאַמע?
– זי קאָכט עסן.
סערעלע וויל אויך קאָכן.
זאָגט די מאַמע:
– קאָך. קאָך, סערעלע.

ק

קי - ך קיך

די מאַמע שטייט אין קיך.
- וואָס טוסטו. מאַמע?
- איך קאָך.
- וואָס קאָכט די מאַמע?
- זי קאָכט עסן.
סערעלע וויל אויך קאָכן.
זאָגט די מאַמע:
- קאָך. קאָך. סערעלע.

כ

כאַ — כאַ — כאַ
בערעלע לאַכט.
סערעלע לאַכט.
זיי לאַכן און לאַכן.
זאָגט די מאַמע:
— שטילער,
בערעלע!
— שטילער,
סערעלע!

כ

כאַ-כאַ-כאַ
בערעלע לאַכט.
סערעלע לאַכט.
זיי לאַכן און לאַכן.
זאָגט די מאַמע:
- שטילער.
בערעלע!
- שטילער.
סערעלע!



1. בערעלע זעט: דער טאַטע קומט. דער טאַטע קומט אַהיים.
2. שרײַט בערעלע: דער טאַטע קומט!
3. דער טאַטע קומט אַרײַן. ער זעט בערעלען.
4. פרעגט דער טאַטע: וואו איז די מאַמע? וואו איז סערעלע?
5. זאָגט בערעלע: זיי זײַנען אין קיך.
6. דער טאַטע זאָגט: איך וויל עסן. איך בין הונגעריק!
7. שרײַט בערעלע: מאַמע, מאַמע! דער טאַטע איז הונגעריק!
8. איך בין אויך הונגעריק!
9. די מאַמע קומט אַרײַן פון קיך.
10. סערעלע קומט אויך אַרײַן פון קיך.
11. בערעלע פרעגט: וואו איז דאָס עסן?
12. זאָגט סערעלע: דאָס עסן איז אין קיך.

13. זאָגט בערעלע: איך וויל דאָס עסן אויפֿן טיש!
14. איך בין הונגעריק! דער טאַטע איז אויך הונגעריק!
15. די מאַמע זאָגט: אַלע דאַרפֿן זיך וואַשן.
16. אַלע דאַרפֿן זיצן בײַם טיש.
17. זאָגט דער טאַטע: גוט. לאָמיר זיך וואַשן. לאָמיר זיצן בײַם טיש. לאָמיר עסן.

נײַע ווערטער: אַהיים, אַרײַן, וואו, הונגעריק, לאָמיר, זעט.

אזוי

דער טאַטע קומט.
דער טאַטע וויל עסן.
בערעלע וויל אויך עסן.
סערעלע וויל אויך עסן.
דער טאַטע זאָגט:
— איך וויל ברויט.
זאָגט בערעלע:
— איך וויל אויך ברויט.
דער טאַטע זאָגט:
— איך וויל מילך.
זאָגט סערעלע:
— איך וויל אויך מילך.

אזוי

דער טאַטע קומט.
דער טאַטע וויל עסן.
בערעלע וויל אויך עסן.
סערעלע וויל אויך עסן.
דער טאַטע זאָגט:
- איך וויל ברויט.
זאָגט בערעלע:
- איך וויל אויך ברויט.
דער טאַטע זאָגט:
- איך וויל מילך.
זאָגט סערעלע:
- איך וויל אויך מילך.

1. עס איז אָוונט. אין אָוונט איז שטיל.
2. די מאַמע לייענט. זי לייענט אַ בוך.
3. די קינדער שפּילן זיך. סערעלע זאָגט:
4. — איך וויל זיך ניט שפּילן. איך וויל הערן אַ מעשה.
5. זאָגט בערעלע: איך וויל אויך הערן אַ מעשה.
6. פרעגט די מאַמע: ווען איר זיצן שטיל?
7. זאָגן די קינדער: עס וועט זײַן שטיל. לאָמיר הערן אַ מעשה!
8. זאָגט די מאַמע: גוט.
9. די מאַמע לייענט אַ מעשה. זי לייענט און לייענט.
10. עס איז אַ מעשה פון גוטע קינדער.
11. פון גוטע קינדער וואָס העלפן טאַטע־מאַמע.
12. די קינדער הערן און הערן.
13. עס ווערט שפּעט. זאָגט די מאַמע:
14. — עס איז שפּעט. גייט, קינדער, שלאָפן.

נײַע ווערטער: אָוונט, לייענט, הערן, מעשה, וועט.

נ

ניט — אַוונט — קינדער — לייענט

עס איז אַוונט. די קינדער לאַכן.
זיי מאַכן אַ טומל.
זאָגט די מאַמע: — קינדער, זאָל זײַן שטיל!
לאַכט ניט! מאַכט ניט קיין טומל!
די קינדער ווערן שטיל. זיי לאַכן מער ניט.
זיי מאַכן מער ניט קיין טומל.
די מאַמע לייענט אַ בוך.
די קינדער הערן וואָס די מאַמע לייענט.

נ

ניט — אַוונט — קינדער — לייענט

עס איז אַוונט. די קינדער לאַכן.
זיי מאַכן אַ טומל.
זאָגט די מאַמע: — קינדער, זאָל זײַן שטיל!
לאַכט ניט! מאַכט ניט קיין טומל!
די קינדער ווערן שטיל. זיי לאַכן מער ניט.
זיי מאַכן מער ניט קיין טומל.
די מאַמע לייענט אַ בוך.
די קינדער הערן וואָס די מאַמע לייענט.



1. אין אָוונט לייענט די מאַמע אַ מעשה.
2. זי לייענט אַ גוטע מעשה.
3. זי לייענט אַ מעשה פון אַ בערעלע.
4. אַ בערעלע וואָס האָט ליב זיסע זאַכן.
5. אַ בערעלע וואָס האָט ליב צו טאַנצן.
6. אַ בערעלע וואָס מאַכט: בו... בו... בו...
7. די קינדער הערן די מעשה. די קינדער זאָגן:
8. מאַמע, דאָס איז אַ גוטע מעשה!

9. בערעלע שרײַט: איך בין בערעלע. איך בין אויך אַ בערעלע!

10. איך האָב אויך ליב זיסע זאַכן!

11. איך האָב אויך ליב צו טאַנצן!

12. מאַכט בערעלע צו סערעלען:
בו... בו... בו...
איך בין אַ בערעלע!
בו... בו... בו...

13. סערעלע לאַכט. די מאַמע לאַכט אויך.

14. בערעלע שרײַט: מאַמע! סערעלע! לאָמיר טאַנצן!

15. לאָמיר עסן זיסע זאַכן! לאָמיר אַלע זײַן בערעלעך!

16. זאָגט די מאַמע: איר וועט ניט טאַנצן! גייט שלאָפֿן!

נײַע ווערטער: זיסע, זאַכן, מאַכט, צו, טאַנצן, האָב ליב.

צ

צו — טאַנצן — זיצט — זיצן

די קינדער הערן אַ מעשה.
אַ מעשה מיט אַ בערעלע וואָס האָט ליב
צו עסן זיסע זאַכן.
אַ בערעלע וואָס האָט ליב צו טאַנצן.
זאָגט בערעלע:
— איך האָב אויך ליב צו עסן זיסע זאַכן.
— איך האָב אויך ליב צו טאַנצן.
זאָגט סערעלע:
— מאַמע, לאָמיר אַלע טאַנצן!
זאָגט די מאַמע:
— קינדער, זיצט שטיל!
— איר וועט ניט טאַנצן!
די קינדער זיצן שטיל און הערן די מעשה.

צ

צו — טאַנצן — זיצט — זיצן

1. אין אָוונט שפּילן זיך די קינדער. זיי מאַכן גוטע זאַכן.

2. זיי מאַכן זאַכן פון פּאַפּיר. די זאַכן זײַנען שיין.

3. זיי מאַכן אַ טיש פון פּאַפּיר,

4. אַ שטול פון פּאַפּיר, אַ בעט פון פּאַפּיר.

5. פרעגט דער טאַטע :

6. וואָס טוסטו, בערעלע ? וואָס טוסטו, סערעלע ?

7. זאָגן די קינדער : מיר מאַכן גוטע זאַכן פון פּאַפּיר.

8. פֿרעגט דער טאַטע: זאָל איך אויך העלפֿן?

9. זאָגט סערעלע: מיר שפּילן זיך. מיר זײַנען קינדער.

10. טאַטעס דאַרפֿן זיך ניט שפּילן מיט פּאַפּיר.

11. טאַטעס זײַנען גרויסע.

12. לאַכט די מאַמע: דער טאַטע האָט אויך ליב זאַכן פֿון פּאַפּיר.

13. זאָל ער אויך העלפֿן.

14. זאָגן די קינדער: לאָמיר זיך אַלע שפּילן!

15. עס וועט זײַן שיין! עס וועט זײַן שיין!

16. טאַטע־מאַמע און די קינדער שפּילן זיך. זיי מאַכן זאַכן פֿון פּאַפּיר.

נײַע ווערטער: פּאַפּיר, מאַכן, שיין, מיר, בעט, שטול, דאַרפֿן.

פּ

פּאַפּיר — שפּעט — שפּילן

אין אָוונט. די קינדער שפּילן זיך.
זיי מאַכן זאַכן פון פּאַפּיר.
זיי מאַכן אַ הויז פון פּאַפּיר, אַ טיש פון פּאַפּיר,
אַ שטול פון פּאַפּיר.
די קינדער שפּילן זיך און שפּילן זיך.
זאָגט די מאַמע:
— קינדער, עס איז שוין שפּעט. שפּילט זיך
מער ניט.

פּ

פּאַפּיר — שפּעט — שפּילן

אין אָוונט. די קינדער שפּילן זיך.
זיי מאַכן זאַכן פון פּאַפּיר.
זיי מאַכן אַ הויז פון פּאַפּיר. אַ טיש פון
פּאַפּיר. אַ שטול פון פּאַפּיר.
די קינדער שפּילן זיך און שפּילן זיך.
זאָגט די מאַמע: — קינדער. עס איז שוין
שפּעט. שפּילט זיך מער ניט.

1. עס איז אָוונט. די קינדער מאַכן זאַכן פֿון פּאַפּיר.
2. דער זייגער גייט. פֿרעגט די מאַמע:
3. — קינדער, וויפֿל איז דער זייגער?
4. זאָגט סערעלע: איך ווייס! עס איז...
עס איז... פֿיר אַ זייגער!
5. לאַכט בערעלע: כאַ־כאַ־כאַ... פֿיר
אַ זייגער! כאַ־כאַ־כאַ.
6. סערעלע ווייס ניט! סערעלע ווייס ניט!
7. פֿרעגט די מאַמע: בערעלע, וויפֿל איז
דער זייגער?
8. זאָגט בערעלע: איך ווייס! עס איז אַכט
אַ זייגער!
9. זאָגט סערעלע: מאַמע, איך ווייס אויך!
10. פֿיר אַ זייגער און פֿיר אַ זייגער איז
אַכט אַ זייגער!
11. לאַכט די מאַמע: סערעלע ווייס אויך...
12. טאַנצן די קינדער און זאָגן:
13. פֿיר און פֿיר איז אַכט, אַכט אַ זייגער..
אַכט אַ זייגער, עס איז שפּעט,
גייען קינדער שלאָפֿן אין בעט.

נײַע ווערטער: זייגער, פֿיר, אַכט, וויפֿל, ווייס.

פ

פיר — פאַר — פרעגט — וויפל
אויפן — ענטפערט — קויפט

די מאַמע קויפט אַ זייגערל פאַר דעם טאַטן.
סערעלע קוקט אויפן זייגערל און זאָגט:
— עס איז פיר אַ זייגער!
זאָגט בערעלע: ניין, סערעלע. עס איז אַכט אַ זייגער.
פרעגט די מאַמע:
— סערעלע, וויפל איז פיר און פיר?
ענטפערט סערעלע: פיר און פיר איז אַכט!
סערעלע ווייס שוין וויפל עס איז דער זייגער.

פ

פיר – פאַר – פרעגט – וויפל
אויפן – ענטפערט – קויפט

די מאַמע קויפט אַ זייגערל פאַר דעם טאַטן.
סערעלע קוקט אויפן זייגערל און זאָגט:
- עס איז פיר אַ זייגער!
זאָגט בערעלע: ניין, סערעלע. עס איז אַכט אַ זייגער.
פרעגט די מאַמע: - סערעלע. וויפל איז פיר און פיר?
ענטפערט סערעלע: פיר און פיר איז אַכט!
סערעלע ווייס שוין וויפל עס איז דער זייגער.



1. אין אָוונט. סערעלע איז אין דער היים.

2. אין הויז איז דאָ אַ גרויסער זייגער.

3. סערעלע קוקט אויפֿן זייגער.

4. זי קוקט אויפֿן זייגער און ציילט.

5. זי ציילט און ציילט.

6. סערעלע שרײַבט. זי שרײַבט אויף פּאַפּיר.

7. זי שרײַבט אַ פיר, זי שרײַבט אַן אַכט.

8. בערעלע קומט אַרײַן. פֿרעגט ער:

9. — וואָס טוסטו? וואָס טוסטו, סערעלע?

10. זאָגט די מאַמע: זאָל זײַן שטיל. סערעלע ציילט און שרײַבט.

11. קוקט בערעלע אויף סערעלעס פּאַפּיר.

12. ער קוקט און זאָגט:

13. מאַמע, סערעלע איז אַ גרויסע!

14. זי שרײַבט שיין. זי שרײַבט אַ פֿיר. זי שרײַבט אַן אַכט.

15. די מאַמע קומט צו. זי קוקט אויף סערעלעס פּאַפּיר.

16. זי זאָגט: סערעלע לערנט זיך גוט. זי שרײַבט שיין.

17. איך האָב ליב סערעלען.

נײַע ווערטער: קוקט, ציילט, ביז, שיין.

ײַ

נײַן — מײַן — דײַן — אַרײַן
שרײַבט — בלײַפעדער

סערעלע ציילט: איינס, צוויי, דרײַ!
זי ציילט און שרײַבט.
זי זאָגט: דרײַ און דרײַ איז זעקס. זעקס און דרײַ איז נײַן.
זי זאָגט: דרײַ מאָל דרײַ איז נײַן!
קומט אַרײַן בערעלע. ער וויל אויך שרײַבן.
ער פרעגט:
— וואו איז מײַן בלײַפעדער?
ענטפערט סערעלע: איך שרײַב מיט דײַן בלײַפעדער.

ײַ

נײַן - מײַן - דײַן - אַרײַן - שרײַבט - בלײַפעדער

סערעלע ציילט: איינס, צוויי, דרײַ!
זי ציילט און שרײַבט. זי זאָגט: דרײַ און דרײַ איז
זעקס. זעקס און דרײַ איז נײַן.
זי זאָגט: דרײַ מאָל דרײַ איז נײַן!
קומט אַרײַן בערעלע. ער וויל אויך שרײַבן.
ער פרעגט: - וואו איז מײַן בלײַפעדער?
ענטפערט סערעלע: איך שרײַב מיט דײַן בלײַפעדער.

1. סערעלע קומט אַהיים פֿון שול.
2. זי זינגט אַ שיין לידל:
3. — קומט צו אונדז אין שול אַרײַן,
ווערט איר גוטע קינדער זײַן.
4. סערעלע זינגט און זינגט. זי זינגט פֿון אין דער פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט. סערעלע איז פֿריילעך.
5. די מאַמע איז אין קיך. סערעלע קומט אַרײַן אין קיך.
6. זי זאָגט צו דער מאַמען:
7. מאַמע, איך קען אַ לידל. אַ שיין, ייִדיש לידל.
8. זאָגט די מאַמע: איך וויל הערן דאָס לידל.
9. סערעלע זינגט דאָס לידל.
10. זאָגט די מאַמע: דאָס איז שיין!
11. די מאַמע זינגט אויך מיט סערעלען.
די מאַמע איז אויך פֿריילעך. די מאַמע קען אויך אַ לידל.
12. סערעלע וויל הערן דאָס לידל. די מאַמע זינגט:
13. צוויי און צוויי איז פֿיר,
פֿיר און פֿיר איז אַכט;
סערעלע איז פֿריילעך,
און זי זינגט און לאַכט.

נײַע ווערטער: זינגט, לידל, פֿריילעך, צוויי, קען, אונדז.

ם

אַהיים — קום — צום — בײַם
נעם — דעם

סערעלע קומט אַהיים פון שול. זי זינגט
אַ לידל.
זאָגט די מאַמע: סערעלע קום אַרײַן אין קיך.
איך וויל הערן דאָס לידל!
סערעלע גייט אַרײַן אין קיך. זי זינגט פאַר דער
מאַמען.
זאָגט די מאַמע: דו זינגסט שיין. גיי צו צום טיש,
נעם אַן עפּל, און עס!
סערעלע זיצט בײַם טיש און עסט דעם עפּל.

ם

אַהיים – קום – צום – בײַם – נעם – דעם

סערעלע קומט אַהיים פון שול. זי זינגט אַ לידל.
זאָגט די מאַמע: סערעלע קום אַרײַן אין קיך.
איך וויל הערן דאָס לידל!
סערעלע גייט אַרײַן אין קיך. זי זינגט פאַר דער
מאַמען. זאָגט די מאַמע: דו זינגסט שיין.
גיי צו צום טיש. נעם אַן עפּל. און עס!
סערעלע זיצט בײַם טיש און עסט דעם עפּל.



1. סערעלע און בערעלע זײַנען אין שול.
2. זיי מאָלן. זיי מאָלן אויף פּאַפּיר. זיי מאָלן שיין.
3. סערעלע זאָגט:
4. — איך קען מאָלן אַ מיידעלע. איך וויל מאָלן אַ שיין מיידעלע.
5. בערעלע זאָגט:
6. — איך קען מאָלן אַ ייִנגעלע. איך וויל מאָלן אַ שיין ייִנגעלע.

7. זיי מאַלן אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע.

8. דער לערער קומט צו. ער ועט: זיי מאַלן.

9. זאָגן די קינדער: קוקט, לערער, קוקט!

10. דער לערער קוקט אויף סערעלעס פּאַפּיר.

11. ער זעט אַ שיין מיידעלע. דאָס מיידעלע טאַנצט.

12. דער לערער קוקט אויך אויף בערעלעס פּאַפּיר.

13. ער זעט אַ יינגעלע. דאָס יינגעלע זיצט בײַם טיש.

14. דאָס יינגעלע קוקט אין אַ בוך.

15. דער לערער זאָגט: איר מאָלט שיין, קינדער!

16. דער לערער פרעגט: ווער קען מאַלן אַ זיידן?

17. — ווער קען מאַלן אַ באָבע?

18. איך קען! — שרײַט בערעלע — איך קען!

19. בערעלע מאָלט אַ זיידן מיט אַ באָבען.

נײַע ווערטער: מאָלן, מיידעלע, יינגעלע, ווער.

ף

אויף — לויף — קויף — שיף
זייף — עלף — דאַרף

די קינדער זײַנען אין דער היים.
סערעלע זיצט אויף אַ שטול בײַם טיש.
זי מאַלט אַ שיף. זי זאָגט:
— לויף, לויף, שיפעלע!
זאָגט בערעלע: מע זאָגט ניט „לויף, לויף, שיפעלע", מע דאַרף זאָגן: „פאָר, פאָר, שיפעלע!"
די מאַמע קומט אַרײַן. זי זאָגט:
— איך דאַרף האָבן זייף! לויף, בערעלע, און קויף מיר פאַר עלף סענט אַ שטיקל זייף!
גייט בערעלע און קויפט פאַר עלף סענט אַ שטיקל זייף.

ף

אויף — לויף — קויף — שיף — זייף
עלף — דאַרף

1. די מאַמע גייט מיט סערעלען קויפן אַ קליידעלע.

2. זי וויל קויפן אַ קליידעלע פאַר סערעלען.

3. סערעלע איז פריילעך. זי גייט מיט דער מאַמען און זינגט אַ לידל:

4. — איך בין אַ גוט מיידעלע —
קויפט מען מיר אַ קליידעלע.
וועט קליידעלע זײַן שיין —
שיין ווי איך אַליין!...

5. פרעגט די מאַמע: ווי שיין איז מײַן מיידעלע?

6. זאָגט סערעלע: איך בין שיין ווי מײַן מאַמע!

7. די מאַמע לאַכט. די מאַמע איז פריילעך.

8. גייט די מאַמע אַרײַן קויפן אַ קליידעלע פאַר סערעלען.

9. זעט סערעלע דאָס קליידעלע. זי זאָגט:

10. אוי, ווי שיין! אוי, ווי שיין!

11. פרעגט די מאַמע: וואָס זאָל איך קויפן
פאַר בערעלען?

12. זאָגט סערעלע: קויף אַ ייִדיש בוך.

13. בערעלע האָט ליב אַ ייִדיש בוך.

14. גייט די מאַמע אַרײַן קויפן אַ בוך.

15. זאָגט סערעלע: עס איז אַ שיין בוך.
בערעלע וועט זײַן פריילעך.

16. סערעלע און די מאַמע גייען אַהיים.



נײַע ווערטער: קליידעלע, פאַר, אַליין, מײַן, קויפן, קויף.

ץ

קאַץ — זיץ — אַלץ

די קינדער מאָלן אויף פּאַפּיר.

סערעלע מאָלט אַ קאַץ. זי זאָגט:

קיץ, קאַץ, קעצעלע,

טרינק די מילך פון טעצעלע!

זיץ, זיץ, קעצעלע,

טרינק אויס אַלץ פון טעצעלע!

ץ

קאַץ — זיץ — אַלץ

די קינדער מאָלן אויף פּאַפּיר.
סערעלע מאָלט אַ קאַץ. זי זאָגט:
קיץ, קאַץ, קעצעלע,
טרינק די מילך פון טעצעלע!
זיץ, זיץ, קעצעלע,
טרינק אויס אַלץ פון טעצעלע!



1. בערעלע האָט אַ שיין הינטעלע.
2. בערעלע האָט ליב זײַן הינטעלע.
3. דאָס הינטעלע האָט ליב בערעלען.
4. וואו בערעלע שטייט — שטייט אויך דאָס הינטעלע.
5. וואו בערעלע גייט — גייט אויך דאָס הינ־טעלע.
6. וואו בערעלע זיצט — זיצט אויך דאָס הינ־טעלע.
7. זעט דאָס הינטעלע: בערעלע לויפט — לויפט עס אויך.

8. זעט דאַס הינטעלע: בערעלע שפּרינגט — שפּרינגט עס אויך.

9. זעט דאַס הינטעלע: בערעלע טאַנצט — טאַנצט עס אויך.

10. עס לויפֿט, עס שפּרינגט, עס טאַנצט.

11. דאַס הינטעלע איז פֿריילעך. עס וויל זיך שפּילן.

12. ווען בערעלע קומט אַהיים פֿון שול, שפּילט ער זיך מיט זײַן הינטעלע.

13. דאַס הינטעלע מאַכט: האַוו־האַוו־האַוו!

14. פֿרעגט בערעלע: וואָס ווילסטו, הינטעלע?

15. — האַוו־האַוו־האַוו – זאָגט דאַס הינטעלע.

16. — אָ — זאָגט בערעלע — מײַן הינטעלע וויל עסן!

17. בערעלע גיט דעם הינטעלע עסן.

18. דאַס הינטעלע עסט. דאַס הינטעלע טרינקט.

19. דאַס הינטעלע איז פֿריילעך.

נײַע ווערטער: הינטעלע, לויפֿט, שפּרינגט, טרינקט, ווען.



1. בערעלעס הינטעלע טאַנצט און שפּרינגט אין הויז.
2. זאָגט בערעלע: קום, הינטעלע, איך וויל דיך וואַשן. איך וויל דיך מאַכן ריין און שיין.
3. דאָס הינטעלע לויפט אַוועק. עס וויל ניט בערעלע זאָל עס וואַשן.
4. דאָס הינטעלע האָט ניט ליב קײַן וואַסער.
5. שרײַט בערעלע: קום, הינטעלע, קום! וואַסער איז גוט. וואַסער מאַכט ריין און שיין.
6. דאָס הינטעלע וויל ניט גיין. עס לויפט אַוועק. עס שפּרינגט אויפן שטול. עס שפּרינגט אויפן בעט. עס וויל ניט גיין צו בערעלען.

7. זאָגט בערעלע: הינטעלע, הינטעלע, אָט איז מילך!

8. ווערט דאָס הינטעלע פֿריילעך. עס לויפֿט צו צו בערעלען. עס וויל מילך. עס האָט ליב מילך.

9. דאָס הינטעלע טרינקט מילך פֿון שיסעלע.

10. דאָס הינטעלע מאַכט: האַוו־האַוו־האַוו.

11. דאָס הינטעלע איז פֿריילעך. בערעלע קען עס וואַשן. בערעלע קען עס מאַכן ריין און שיין.



נײַע ווערטער: קום, דיך, ריין, אַוועק, שיסעלע, וואַסער.



1. בערעלע גייט אַרײַן אין קיך.
2. ער נעמט אַ גרויסע שיסל. אַ גרויסע שיסל וואַסער.
3. דאָס וואַסער איז קאַלט.
4. בערעלע נעמט זײַן הינטעלע. ער וויל עס וואַשן אין שיסל.
5. וויל דאָס הינטעלע ניט אַרײַן אין שיסל.
6. דאָס הינטעלע האָט ניט ליב קיין קאַלט וואַסער.
7. זאָגט בערעלע: ווילסטו וואַרעם וואַסער? גוט, דאָס וואַסער וועט זײַן וואַרעם! קום, הינטעלע, אָט איז וואַרעם וואַסער!

8. דאַס הינטעלע גייט אַרײַן אין שיסל. עס האָט ליב וואַרעם וואַסער.

9. בערעלע נעמט דאַס הינטעלע און וואַשט עס.

10. ער וואַשט דאַס הינטעלע און זינגט:

11. איך וועל דיך וואַשן,
וועסטו זײַן ריין;
איך וועל דיך וואַשן,
וועסטו זײַן שיין.



נײַע ווערטער: נעמט, שיסל, קאַלט, וואַרעם, וועסטו.



1. עס איז ווינטער. אין דרויסן איז קאַלט.

2. אין דרויסן פֿאַלט אַ שניי. עס פֿאַלט אַ סך שניי.

3. בערעלע און סערעלע זײַנען אין דרויסן.

4. דער שניי פֿאַלט אויף סערעלען. דער שניי פֿאַלט אויף בערעלען.

5. זיי זײַנען פֿריילעך.

6. בערעלע שרײַט: לאָמיר לויפֿן אין שניי!

7. סערעלע שרײַט: לאָמיר טאַנצן אין שניי!

8. אין דרויסן זײַנען דאָ אַ סך קינדער.

9. בערעלע זאָגט צו די קינדער:

10. — לאָמיר מאַכן אַ מענטש פֿון שניי!

11. שרײַען די קינדער: אַ שניי־מענטש! אַ שניי־מענטש!

12. אַלע קינדער מאַכן אַ שניי־מענטש.

13. זיי מאַכן אַ שניי־מענטש און זינגען אַ לידל:

14. *) דער ווינטער איז שוין דאָ,
עס פֿאַלט, עס פֿאַלט אַ שניי;
לאָמיר אַלע טאַנצן —
טאַנצן איינס און צוויי!
לאָמיר אַלע טאַנצן —
טאַנצן איינס און צוויי!

15. אין דרויסן שטייט שוין אַ גרויסער שניי־מענטש.

16. די קינדער טאַנצן און זײַנען פֿריילעך.

17. די מאַמע שרײַט פֿון הויז: קינדער, קומט אַרײַן!

18. בערעלע און סערעלע לויפֿן אַרײַן אין הויז.

נײַע ווערטער: אין דרויסן, פֿאַלט, שניי, מענטש, זינגען, שוין.

---

*) זינגען מיט דער מעלאָדיע פֿון „דער ווינטער איז געקומען".

1. עס איז ווינטער. אין דרויסן פאַלט אַ שניי.

2. אין דרויסן זײַנען דאָ אַ סך קינדער.

3. בערעלע און סערעלע זײַנען אויך אין דרויסן.

4. בערעלע האָט אַ שיין שליטעלע. סערעלע זיצט אין שליטעלע.

5. בערעלע זאָגט: איך וועל זײַן אַ פערדעלע!

6. בערעלע שלעפּט דאָס שליטעלע.

7. סערעלע שרײַט: וויאָ, פערדעלע, וויאָ!

8. בערעלע לויפט ווי אַ פערדעלע. ער שלעפּט ווי אַ פערדעלע.

9. ער שלעפּט דאָס שליטעלע מיט סערעלען.

10. זאָגט סערעלע: איך וויל זײַן אַ פּערדעלע!

11. זי גייט אַראָפּ פֿון שליטעלע. בערעלע זיצט אין שליטעלע.

12. סערעלע שלעפּט און שלעפּט. זי קען קיין סך ניט שלעפּן.

13. שרײַט זי צו אַ ייִנגעלע:

14. — ייִנגעלע, ייִנגעלע, וועסטו העלפֿן שלעפּן?

15. גייט צו דאָס ייִנגעלע צו סערעלען. ער וויל העלפֿן שלעפּן.

16. ער איז אַ גוט ייִנגעלע. סערעלע און דאָס ייִנגעלע שלעפּן דאָס שליטעלע מיט בע־רעלען.

17. בערעלע זאָגט: איך וויל שלעפּן! זאָל דאָס ייִנגעלע זיצן אין שליטעלע! ער איז אַ גוט ייִנגעלע!

נײַע ווערטער: שליטעלע, פּערדעלע, שלעפּן, אַראָפּ.

וואָס וויל בערעלע עסן?

1. אין אָוונט גיט די מאַמע בערעלען ברויט מיט פּוטער.
2. זאָגט בערעלע:
3. איך וויל ניט קיין ברויט מיט פּוטער. איך וויל עסן.
4. גיט אים די מאַמע אייער.
5. זאָגט בערעלע:
6. איך וויל ניט קיין אייער. איך וויל עסן.
7. גיט אים די מאַמע אַ גלאָז מילך.
8. זאָגט בערעלע:
9. איך וויל ניט קיין גלאָז מילך. איך וויל עסן.
10. גיט אים די מאַמע אַן עפּל.
11. שרײַט בערעלע:
12. דאָס וויל איך ניט! איך וויל ניט קיין עפּל!
13. סערעלע הערט ווי בערעלע שרײַט. זי זאָגט:

14. בערעלע וויל עסן,
אונ ער ווייס ניט וואָס ;
וואָס מע גיט אים, שרײַט ער :
איך וויל ניט דאָס ! ניט דאָס !

15. לאַכט די מאַמע און זאָגט :

16. — ווילסטו עסן אַ בוך ? אַ שליטעלע ? אַ שניי־מענטש ?

17. לאַכט אויך בערעלע און זאָגט :

18. — גיב מיר, מאַמע, וואָס דו ווילסט !



נײַע ווערטער : אייער, גלאָז, עפּל, ניין, ווילסט, גיב.



1. די מאַמע זאָגט צו בערעלען:
2. גיי קויף מיר אייער און קויף מיר עפּל.
3. — איך וויל ניט גיין — זאָגט בערעלע — איך וויל זיך שפּילן.
4. זאָגט די מאַמע:
5. — גיי, בערעלע, איך דאַרף האָבן אייער און עפּל.
6. — זאָל סערעלע גיין — זאָגט בערעלע — איך וויל זיך שפּילן.
7. שיקט די מאַמע סערעלען. לויפט סערעלע און קויפט די זאַכן. זי קומט אַרײַן אין הויז און שרײַט:
8. — מאַמע, איך האָב אייער! איך האָב עפּל!
9. — ביסט אַ גוט מיידעלע — זאָגט די מאַמע — איך האָב דיך ליב!
10. אין אָוונט זיצן אַלע בײַם טיש און עסן.

11. גיט די מאַמע סערעלען אַן עפּל.
12. שרײַט בערעלע: מאַמע, איך וויל אויך אַן עפּל!
13. זאָגט די מאַמע:
14. —ניין, בערעלע, פאַר דיר האָב איך ניט קיין עפּל!
15. — פאַרוואָס? — פרעגט בערעלע — פאַר־וואָס האָט סערעלע אַן עפּל?
16. זאָגט די מאַמע:
17. — סערעלע איז אַ גוט מיידעלע. ווער עס וויל ניט קויפן קיין עפּל, וועט ניט עסן קיין עפּל.



נײַע ווערטער: גיי, קויף, שיקט, ביסט, דיר, פאַרוואָס.

גוטע קינדער

1. בערעלע און סערעלע זײַנען גוטע קינדער.
2. זיי קריגן זיך ניט. זיי האָבן זיך ליב.
3. איין מאָל זאָגט בערעלע צו סערעלען:
4. —עס זײַנען דאָ אַ סך קינדער וואָס קריגן זיך. לאָמיר זיך אויך קריגן.
5. — איך ווייס ניט ווי מע טוט דאָס — זאָגט סערעלע.
6. — איך וועל דיך לערנען ווי מע טוט דאָס — זאָגט בערעלע. איך וועל נעמען דײַן בוך און וועל זאָגן: „דאָס איז מײַן בוך", וועסטו זאָגן: „ניין, דאָס איז מײַן בוך". אָט אַזוי וועלן מיר זיך קריגן.
7. נעמט ער סערעלעס בוך און שרײַט:
8. — דאָס איז מײַן בוך! דאָס איז מײַן בוך!
9. שטייט סערעלע און קוקט אויף בערעלען. זי לאַכט און זאָגט:
10. — ווילסטו דאָס בוך? נו, גוט. זאָל עס זײַן דײַן בוך!
11. בערעלע און סערעלע קענען זיך ניט קריגן. זיי זײַנען גוטע קינדער.

נײַע ווערטער: קריגן זיך, איין מאָל, אַזוי, דײַן, קענען.



1. בערעלע שפּילט זיך אין דרויסן.

2. זעט ער צוויי יִנגעלעך, מעני און בעני, שטייען און קריגן זיך.

3. פרעגט בערעלע:

4. — פאַרוואָס קריגט איר זיך, קינדער?

5. זאָגט מעני: איך וויל זיך ניט קריגן, אָבער בעני זאָגט אַז מײַן נאָז איז צו לאַנג...

6. זאָגט בעני: איך וויל זיך אויך ניט קריגן, אָבער מעני זאָגט אַז מײַן נאָז איז צו קורץ...

7. — עס איז ניט גוט, עס איז ניט שיין צו קריגן זיך — זאָגט בערעלע.

8. —אַבער מײַן נאָז איז ניט צו לאַנג! — שרײַט מעני.

9. — און מײַן נאָז איז ניט צו קורץ! — שרײַט בעני.

10. זאָגט בערעלע צו מענין:

11. — גוט. איך וועל בײַ דיר אַראָפּנעמען אַ שטיקל נאָז, וועט זי ווערן קורץ...

12. און בערעלע זאָגט צו בענין:

13. — נאַ דיר אַ שטיקל פון מענים נאָז, וועט דײַן נאָז ווערן לאַנג...:

14. שרײַט מעני:

15. — איך וויל ניט מע זאָל בײַ מיר אַראָפּנעמען אַ שטיקל נאָז!...

16. שרײַט בעני:

17. — איך וויל ניט קיין שטיקל נאָז פון מענים נאָז...

18. זאָגט בערעלע:

19. — טאָ קריגט זיך ניט! גייט אַהיים און זאָל זײַן שטיל!

נײַע ווערטער: אָבער, נאָז, לאַנג, קורץ, אַראָפּנעמען.

צו גאַסט

1. די מאַמע וויל פאָרן צו גאַסט צו דעם זיידן מיט דער באָבען.

2. סערעלע וויל אויך פאָרן צו גאַסט.

3. גיט איר די מאַמע אַ נײַ קלײדעלע.

4. סערעלע טוט אָן איר נײַ קלײדעלע. זי קוקט און קוקט אויפן קלײדעלע.

5. סערעלע זאָגט: מאַמע, מײַן נײַ קלײדעלע איז צו לאַנג.

6. קוקט די מאַמע אויף סערעלעס קלײדעלע און זאָגט:

7. — ניין, סערעלע, דײַן קלײדעלע איז ניט צו לאַנג. דײַן קלײדעלע איז גוט.

8. קוקט סערעלע נאָך אַ מאָל אויפן קלײדעלע און זאָגט:

9. — מאַמע, נעם אַראָפּ אַ שטיקל פון מײַן קלײדעלע, וועט עס זײַן קורץ.

10. זאָגט די מאַמע:

11. — ניין, סערעלע, אַז איך וועל אַראָפּנעמען אַ שטיקל פון קליידעלע, וועט עס זײַן צו קורץ.

12. קוקט סערעלע נאָך אַ מאָל אויפן קליידעלע און זאָגט:

13. — זאָל עס זײַן אַזוי. מײַן קליידעלע איז ניט צו לאַנג און ניט צו קורץ. מײַן קליידעלע איז גוט און שיין.

14. די מאַמע מיט סערעלען פאָרן אויף מאָרגן צו גאַסט. זיי זײַנען פריילעך.

פראַגעס:

1) צו וועמען וויל די מאַמע פאָרן?

2) וואָס וויל סערעלע טאָן?

3) וואָס גיט די מאַמע סערעלען?

4) וואָס זאָגט סערעלע?

5) וואָס זאָגט די מאַמע?

נײַע ווערטער: צו גאַסט, נײַ, נאָך אַ מאָל, נעם.

דעני

1. בערעלע גייט אַלע מאָל אין שול אַרײַן מיט אַ ייִנגעלע, דעני.

2. דעני האָט ליב צו עסן וואו ער שטייט און וואו ער גייט.

3. ער עסט עפּל, ער עסט קעז, ער עסט צוקער. ער עסט אַלע זיסע זאַכן.

4. ווען בערעלע עסט עפּעס, זאָגט אַלע מאָל דעני:

5. — גיב מיר אַ שטיקל קעז, איך האָב ליב קעז; גיב מיר אַ שטיקל צוקער, איך האָב ליב צוקער.

6. בערעלע גיט דענין אַ שטיקל קעז; בערעלע גיט דענין אַ שטיקל צוקער.

7. איין מאָל גייט בערעלע מיט דענין אין שול אַרײַן.

8. פרעגט דעני: האָסטו הײַנט עפּעס צו עסן?

9. זאָגט בערעלע: הײַנט האָב איך עפּעס גוטס!

10. — וואָס? — פרעגט דעני — וואָס האָסטו?

11. זאָגט בערעלע:
איך האָב...
איך האָב...
איך האָב עפּעס גוטס...

12. — גיב מיר אַ שטיקל! — זאָגט דעני.

13. זאָגט בערעלע צו דעניִן: מאַך צו די אויגן, וועל איך דיר געבן...

14. מאַכט דעני צו די אויגן. ער שטייט און וואַרט.

15. בערעלע לויפֿט אַוועק. ער לויפֿט אַליין אין שול אַרײַן.

16. און דעני שטייט און וואַרט און וואַרט און וואַרט.



נײַע ווערטער: קעז, צוקער, עפּעס, האָסטו, אויגן, וואַרט, גוטס.



בערעלע וויל העלפֿן טאַטע־מאַמע

1. איין מאָל קומט בערעלע צו דער מאַמען און זאָגט:
2. — מאַמע, איך וויל דיר העלפֿן. איך וויל דיר געבן געלט, וועסטו קויפֿן גוטע זאַכן פֿאַר זיך און פֿאַר דעם טאַטן.

3. זאָגט די מאַמע: דו ביסט אַ גוט יינגעלע, בערעלע. אָבער וואו וועסטו נעמען געלט?

4. זאָגט בערעלע: איך וועל עפּעס פאַרקויפן, וועל איך האָבן געלט.

5. פרעגט די מאַמע: וואָס וועסטו פאַרקויפן? אַ טיש? אַ שטול? אַ הויז?

6. ניין, — זאָגט בערעלע — איך וועל פאַרקויפן ברויט, קעז, פּוטער און נאָך אַ סך זאַכן.

7. זאָגט די מאַמע: וואו וועסטו נעמען די אַלע זאַכן?

8. זאָגט בערעלע: איך וועל זיי נעמען אין קיך...

9. לאַכט די מאַמע: ניין, בערעלע, דו קענסט ניט נעמען די זאַכן פון קיך.

10. פרעגט בערעלע: וואָס זשע זאָל איך טאָן?

11. זאָגט די מאַמע: דו דאַרפסט גאָרניט טאָן. ווען דו וועסט גרויס ווערן, וועסטו קענען פאַרקויפן זאַכן. ווען דו וועסט גרויס ווערן, וועסטו קענען העלפן דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

נייע ווערטער: געלט, פאַרקויפן, וועסט(ו).

---

1. איין מאָל גיט די מאַמע בערעלען אַ פּעני.
2. נעמט ער די פּעני און גייט זיך עפּעס קויפֿן.
3. קומט בערעלע צו אַ בעקער. שטייט דער בעקער און באַקט קיכעלעך.
4. גייט צו בערעלע צום בעקער און זאָגט:
5. — בעקער, בעקער! איך וויל עפּעס קויפֿן. איך וויל קויפֿן קיכעלעך.
6. פֿרעגט דער בעקער: האָסטו געלט, יִנגעלע?

7. ענטפערט בערעלע: יאָ, איך האָב געלט.
8. פרעגט דער בעקער: וויפל געלט האָסטו?
9. ענטפערט בערעלע: איך האָב אַ פעני.
10. זאָגט דער בעקער:
11. — ניין, יינגעלע, איך קען ניט פאַרקויפן קיין קיכעלעך פאַר אַ פעני.
12. פרעגט בערעלע: פאַר וויפל געלט וועסטו מיר פאַרקויפן קיכעלעך?
13. ענטפערט דער בעקער: פאַר אַ ניקל.
14. זאָגט בערעלע:
15. איך האָב איין פעני. פאַר פיר פענים וועל איך דיר העלפן עפעס טאָן.
16. זאָגט דער בעקער:
17. גוט. אַז דו וועסט מיר העלפן, וועל איך דיר געבן קיכעלעך פאַר אַ ניקל.
18. בערעלע העלפט דעם בעקער. ער טוט דאָס און טוט דאָס.
19. דער בעקער גיט אים אַ סך זיסע קיכעלעך.
20. בערעלע נעמט די קיכעלעך און לויפט אַהיים. ער גיט אויך סערעלען פון די קיכעלעך.

נייַע ווערטער: פעני, ניקל, בעקער, באַקט, קיכעלעך, ענטפערט, יאָ.



אַ נאַריש ייִנגעלע

1. בערעלע לייענט אַ מעשה פון אַ נאַריש ייִנגעלע, לעמל.

2. לייענט בערעלע אַזוי:

3. „עס איז ווינטער. אין דרויסן פאַלט אַ שניי. עס איז קאַלט.

4. קינדער שפּילן זיך. שטייט אויף לעמל, אַ נאַריש ייִנגעלע, און מאַכט עפּעס.

5. אַ מיידעלע פרעגט אים:

— ייִנגעלע, וואָס מאַכסטו?

6. ענטפערט לעמל: איך מאַך אַ שניי־מענטש.

7. דער שניי־מענטש איז שוין פאַרטיק. און לעמל זאָגט:

8. — עס איז מיר קאַלט. איך וועל גיין אַהיים, וועט מיר זײַן וואַרעם.

9. נעמט לעמל דעם שניי־מענטש און שלעפּט אים. ער שלעפּט און שלעפּט און שלעפּט.

10. פרעגט מען אים: פאַרוואָס שלעפּסטו דעם שניי־מענטש?

11. ענטפערט לעמל:

12. — איך נעם דעם שניי־מענטש אין הויז אַרײַן...

13. — אין הויז אַרײַן? — פרעגן די קינדער — אַ שניי־מענטש אין הויז אַרײַן? כאַ־כאַ־כאַ!

14. — יאָ, — זאָגט לעמל — דעם שניי־מענטש איז קאַלט. איך וויל אים נעמען אַהיים. אין הויז איז וואַרעם.

נײַע ווערטער: רופן, מאַכסטו, שלעפּסטו, מען, פאַרטיק.

לעמל גייט קויפן קיכעלעך

1. בערעלע לייענט נאָך אַ מעשה פון דעם ייִנגעלע, לעמל, וואָס אַלע רופן אים „נאַריש ייִנגעלע".

2. אָט דאָס איז די מעשה:

3. „איין מאָל שיקט די מאַמע איר ייִנגעלע, לעמל, צום בעקער קויפן קיכעלעך.

4. די מאַמע זאָגט:

5. — נאַ דיר אַכט סענט און גיי קויף מיר פיר קיכעלעך.

6. נעמט לעמל דאָס געלט און לויפט צום בעקער.

7. ער קומט צום בעקער און רופט אויס:

8. — בעקער, בעקער! נאַ דיר פיר סענט און פאַרקויף מיר אַכט קיכעלעך!

9. זאָגט דער בעקער:

10. — פאַר פיר סענט קען איך דיר פאַרקויפן נאָר צוויי קיכעלעך.

11. — צוויי קיכעלעך? — פרעגט לעמל — מײַן מאַמע וויל האָבן אַכט קיכעלעך!

12. זאָגט דער בעקער:

13. — איך קען דיר ניט געבן קיין אַכט קיכעלעך. איך קען דיר געבן נאָר צוויי קיכעלעך פאַר פיר סענט.

14. לויפט לעמל אַהיים און שרײַט אויס:

15. — מאַמע, דער בעקער וויל געבן נאָר פיר סענט פאַר צוויי קיכעלעך...

16. קוקט די מאַמע אויף איר נאַריש יינגעלע און זאָגט:

17. — וואָס וועט זײַן פון דיר, מײַן נאַריש יינגעלע?

נײַע ווערטער: נאָך, סענט, אויס, נאָר, נאַ דיר.



פֿרײדע־פֿרײדעלע

1. סערעלע איז אין דער הײם.
2. זי נעמט איר ייִדיש בוך און לײענט.
3. פֿרעגט זי די מאַמע:
4. — װאָס לײענסטו, סערעלע?
5. זאָגט סערעלע:
6. — איך לײען אַ שײן לידל פֿון אַ ייִדיש מײדעלע.
7. פֿרעגט די מאַמע: װי הײסט דאָס מײדעלע?
8. זאָגט סערעלע: דאָס מײדעלע הײסט פֿרײדע־פֿרײדעלע.

9. פרעגט די מאַמע: פֿאַרוואָס רופֿט מען זי פרידע־פריידעלע?

10. זאָגט סערעלע: אין סקול רופֿט מען זי פרידע, און אין שול רופֿט מען זי פריידעלע.

11. זאָגט די מאַמע: לייען פֿאַר מיר דאָס לידעלע.

12. לייענט סערעלע אַזוי:

פרידע־פריידעלע.

גייט אַ מיידעלע אין סקול —
פרידע, פרידע רופֿט מען זי;
לערנט זי זיך גוט און וואַייל —
לערנט זיך דעם איי־בי־סי!

גייט דאָס מיידעלע אין שול,
וואו מע רופֿט זי פריידעלע;
לערנט זי דעם אַלף־בית,
ווי אַ ייִדיש מיידעלע.

לערנט פרידע־פריידעלע,
איי־בי־סי און אַלף־בית;
לערנט, לערנט מיידעלע
איי־בי־סי און אַלף־בית;

נײַע ווערטער: הייסט, אלף־בית, סקול.

די מויז



1. איין מאָל, אין אָוונט, זיצט סערעלע אַליין מיט דער מאַמען אין הויז.
2. מיט אַ מאָל הערט סערעלע, אַז אין קיך מאַכט עפּעס: רם.. רם.. רם..
3. פֿרעגט סערעלע:
4. — מאַמע, וואָס מאַכט אַזוי? וואָס מאַכט רם.. רם.. רם..?
5. די מאַמע הערט זיך צו און זאָגט:
6. — דאָס איז אַ מויז.
7. שרײַט סערעלע אויס:
8. — אוי, איך האָב מורא! איך האָב מורא פֿאַר אַ מויז!
9. זאָגט די מאַמע:
10. האָב ניט קיין מורא. די מויז וויל נאָר עפּעס עסן...
11. פֿרעגט סערעלע: וואָס וויל די מויז עסן?
12. ענטפֿערט די מאַמע:
13. — די מויז וויל אַ שטיקל קעז, זי וויל קיכעלעך.
14. סערעלע גייט און קוקט אַרײַן אין קיך. זי הערט נאָך אַ מאָל: רם..רם..רם.
15. לויפֿט סערעלע צו דער מאַמען און זאָגט:
16. — מיר דאַרפֿן רופֿן די קאַץ. זאָל זי כאַפּן די מויז!
17. זאָגט די מאַמע: יאָ, מיר דאַרפֿן רופֿן די קאַץ!
18. נעמט סערעלע רופֿן די קאַץ:

קאַץ, קאַץ, גוטע קאַץ,
קום אַרײַן אין הויז!
וועסטו כאַפּן, וועסטו כאַפּן,
אַ גרויסע, גרויסע מויז!

נײַע ווערטער: מיט אַ מאָל, מורא, קאַץ, מויז, כאַפּן



„קאַץ־און־מויז“

1. ווען די קינדער קומען אַהיים פֿון שול שפּילן זיי זיך אין
דרויסן.
2. אַ פּאָר קינדער רופֿן אויס:
3. — לאָמיר זיך שפּילן אין „קאַץ און מויז“!
4. — איך וועל זײַן די מויז! — רופֿט אויס סערעלע.
5. — און איך וויל זײַן די קאַץ! — שרײַט בערעלע. איך
וויל כאַפּן די מויז!
6. — גוט — זאָגן די קינדער — זאָלן בערעלע און סערעלע
זײַן „קאַץ און מויז“.
7. אַלע קינדער שטעלן זיך אויס. זיי נעמען זיך אָן בײַ די
הענט.
8. סערעלע, די „מויז“, שטייט אין מיטן. בערעלע, די
„קאַץ“, וויל אַרײַן אין מיטן. ער וויל כאַפּן די מויז. די
קינדער דרייען זיך און זינגען:
9. גרויסע קאַץ, גרויסע קאַץ,
מיטן לאַנגן, לאַנגן עק.
ווייסט די מויז ניט כאַפּן —
אַוועק, אַוועק, אַוועק!
10. אָבער די קאַץ לויפֿט און לויפֿט, ביז זי לויפֿט אַרײַן אין
מיטן.
11. די מויז וויל אַרויס, אָבער עס איז שוין צו שפּעט. בערעלע
כאַפּט סערעלען. די שפּיל איז אויס. די קינדער גייען
אַהיים.

נײַע ווערטער: אַ פּאָר, שטעל זיך, הענט, דרייען זיך, עק.

אַ נײַ ברודערל

1. איין מאָל קומען בערעלע און סערעלע אַהיים פֿון שול.
2. אין הויז זײַנען דאָ דער טאַטע און די באָבע.
3. עס איז שטיל. מיט אַ מאָל הערן בערעלע און סערעלע אַז אַ קינד שרײַט בײַ דער מאַמען אין צימער.
4. פֿרעגט סערעלע: באָבע, ווער שרײַט עס?
5. ענטפֿערט די באָבע: דאָס איז אַ ברודערל, אַ נײַ ברודערל פֿאַר דיר און פֿאַר בערעלען.
6. רופֿן אויס די קינדער: אַ ברודערל? אַ נײַ ברודערל? פֿאַר אונדז?
7. יאָ, קינדער — זאָגט דער טאַטע — די מאַמע האָט נאָך אַ יינגעלע. אַ שיין, גוט יינגעלע. אַ ברודערל.
8. ווערט סערעלע פֿריילעך. זי נעמט טאַנצן:
9. — איך האָב אַ ברודערל! אַ נײַ ברודערל!
10. אָבער בערעלע טאַנצט נישט. ער איז נישט פֿריילעך.
11. פֿרעגט אים די באָבע: פֿאַרוואָס ביסטו נישט פֿריילעך?
12. — איך וויל אַ שוועסטערל — ענטפֿערט בערעלע.
13. — דו האָסט אַ שוועסטערל — זאָגט דער טאַטע — סערעלע איז דײַן שוועסטערל.
14. זאָגט בערעלע: איך וויל אַ נײַ שוועסטערל. סערעלע האָט נאָך אַ ברודערל, וויל איך נאָך אַ שוועסטערל!
15. לאַכט די באָבע:
16. — גוט, בערעלע. די מאַמע וועט דיר נאָך געבן אַ שוועסטערל אויך!

נײַע ווערטער: ברודערל, שוועסטערל, קינד, צימער, דו.

שלאָף, ברודערל, שלאָף

1. סערעלע קומט אַרײַן צו דער מאַמען אין צימער.
2. סערעלעס נײַ ברודערל איז אין וויגעלע.
3. די מאַמע גיט עסן דעם ברודערל.
4. סערעלע קוקט אויפֿן ברודערל און זאָגט:
5. — מאַמע, מײַן ברודערל איז שײן! איך האָב ליב מײַן ברודערל!
6. סערעלע העלפֿט דער מאַמען. זי גיט דעם ברודערל עסן. דאָס ברודערל טרינקט מילך.
7. אַז דאָס ברודערל וויל שוין מער ניט עסן, זאָגט די מאַמע:
8. — דײַן ברודערל וויל שלאָפֿן. איך וועל אים זינגען אַ לידעלע.
9. די מאַמע וויגט דאָס וויגעלע און זינגט אַזוי:
10. שלאָף שוין, קינד מײַנס, שלאָף,
מאַך די אייגעלעך צו;
שלאָף שוין, קינד מײַנס, שלאָף,
שלאָף אין זיסער רו.
11. סערעלע וויגט אויך דאָס וויגעלע און זינגט אַזוי:
12. שלאָף שוין, ברודערל, שלאָף,
עס איז שטיל אין הויז;
שלאָף אין זיסער רו,
וועסטו ווערן גרויס.
13. דאָס ברודערל מאַכט צו די אייגעלעך. דאָס ברודערל שלאָפֿט.
14. סערעלע גייט אַרויס פֿון דער מאַמעס צימער און זאָגט צו בערעלען:
15. זאָל זײַן שטיל, דאָס ברודערל שלאָפֿט.

נײַע ווערטער: וויגעלע, וויגט, אייגעלעך, רו, אַרויס.

ציגעלע־מיגעלע

1. די מאַמע איז ניטאָ אין הויז. סערעלע זיצט אין איר ברודערלס צימער.
2. זי וויגט דאָס וויגעלע און זינגט אַ לידעלע:
3. אונטער ברודערלס וויגעלע,
שטייט אַ שיין ציגעלע.
4. סערעלע וויגט דאָס וויגעלע און זינגט. אָבער דאָס ברודערל וויינט. זאָגט סערעלע:
5. — שאַ, שאַ, יינגעלע. איך וועל דיר לייענען אַ מעשהלע. אַ מעשהלע פון אַ ציגעלע.
6. און סערעלע לייענט אַזוי:
7. „ציגעלע־מיגעלע שטייט אונטער יינגעלעס וויגעלע.
8. וויל ציגעלע אַריין אין וויגעלע.
9. זאָגט די מאַמע: ניין, ציגעלע, יינגעלע אין וויגעלע!
10. זאָגט דאָס ציגעלע: איך אויך אין וויגעלע!
11. זאָגט די מאַמע: ניין, יינגעלע אין וויגעלע, ציגעלע אונטער וויגעלע!
12. וויינט דאָס ציגעלע און וויינט: או! או! או!
13. זאָגט די מאַמע: וויין ניט, ציגעלע. אָט איז מילך!
14. דאָס ציגעלע טרינקט מילך. דאָס ציגעלע וויינט מער ניט."
15. סערעלע לייענט מער ניט. איר ברודערל מאַכט צו די אייגעלעך, און וויינט מער ניט. סערעלע זינגט:
16. שלאָף שוין, ברודערל, שלאָף,
אַ געזונט אויף דיר;
מאַמע וועט ברענגען עפּעלעך —
פאַר דיר און פאַר מיר.

נײַע ווערטער: אונטער, ציגעלע, וויינט, געזונט, ברענגען.



בערעלע איז קראַנק

1. בערעלע קומט איין מאָל אַהיים פון שול און זאָגט:
2. — מאַמע, עס טוט מיר וויי דער קאָפּ.
3. לייגט די מאַמע איר האַנט אויף בערעלעס קאָפּ. די מאַמע זאָגט:
4. — אוי, וויי, דײַן קאָפּ איז היים! דו ביסט ניט געזונט. די ביסט קראַנק.
5. בערעלע קען ניט עסן און קען ניט טרינקען. ער וויינט.
6. זאָגט אים די מאַמע:
7. — גיי, מײַן קינד, לייג זיך אין בעט.
8. גייט בערעלע און לייגט זיך אין בעט. קומט סערעלע אַרײַן פון דרויסן. זעט זי אַז בערעלע איז ניטאָ. פרעגט זי:
9. — מאַמע, וואו איז בערעלע?
10. ענטפערט די מאַמע: בערעלע איז ניט געזונט. עס טוט אים וויי דער קאָפּ.
11. לויפט סערעלע אַרײַן צו בערעלען אין צימער. זי לייגט די האַנט אויף איר ברודערלס קאָפּ און שרײַט און שרײַט אויס ווי אַ מאַמע:
12. — אוי וויי, דײַן קאָפּ איז היים!
13. זאָגט בערעלע צו זײַן שוועסטערל:
14. עס איז גאָרניט. עס וועט מיר גאָרניט זײַן.
15. זאָגט סערעלע:
16. — יאָ, עס וועט דיר גאָרניט זײַן. אָבער מאָרגן וועסטו שוין ניט גיין אין שול אַרײַן.

נײַע ווערטער: וויי, קאָפּ, לייגט, האַנט, היים, גאָרניט, קראַנק.



דער דאָקטער קומט

1. בערעלע איז קראַנק. ער ליגט אַ גאַנצן טאָג אין בעט.
2. די מאַמע גייט אַלע מאָל און לייגט איר האַנט אויף בערעלעס קאָפּ.
3. בערעלע פרעגט: מאַמע, איז מײַן קאָפּ הייס?
4. — יאָ — ענטפערט די מאַמע — מע וועט רופן דעם דאָקטער.
5. קומט צו גיין דער דאָקטער. בערעלע האָט מורא פאַרן דאָקטער.
6. זאָגט צו אים דער דאָקטער:
7. — האָב ניט קיין מורא, יינגעלע. איך וויל דיר העלפן.
8. דער דאָקטער קוקט בערעלען אין האַלדז אַרײַן. ער קוקט און קוקט און זאָגט:
9. — עס וועט דיר גאָרניט זײַן, יינגעלע. וועסט געזונט ווערן. וועסט קענען לויפן, טאַנצן און שפּרינגען.
10. ווען דער דאָקטער גייט אַוועק, וויל סערעלע, אַז בערעלע זאָל זיין פריילעך. זי זינגט אים אַ לידעלע:
11. מיין ברודערל איז קראַנק,
עס טוט אים וויי דער קאָפּ.
און פון בעט אַ גאַנצען טאָג
גייט ער ניט אַראָפּ.

קומט דער ליבער דאָקטער,
און קוקט אין האַלדז אריין;
בערעלע וועט זײַן געזונט —
עס וועט אים גאָרניט זיין.

נײַע ווערטער: גאַנצן, טאָג, דאָקטער, האַלדז.

די מאַמע לייענט אַ מעשהלע

1. ווען בערעלע איז קראַנק, זיצט די מאַמע אַ גאַנצן טאָג ביי זיין בעט.
2. די מאַמע וויל אַז בערעלע זאָל זיין פריילעך. זי וויל ער זאָל לאַכן.
3. זאָגט בערעלע: מאַמע, לייען מיר אַ מעשהלע.
4. נעמט די מאַמע אַ בוך און לייענט אַזוי:
5. „איין מאָל קומט אַ יינגעלע אין שול אַריין און זאָגט צום לערער:
6. — איך וויל זיך לערנען יידיש.
7. פרעגט אים דער לערער: ווי הייסטו, יינגעלע?
8. — בעני.
9. ווי אַלט ביסטו?
10. אַכט יאָר.
11. וואָס איז דיין טאַטע?
12. — מיין טאַטע איז קראַנק.
13. — ניין, ניט דאָס וויל איך וויסן. איך פרעג: וואָס טוט דיין טאַטע?
14. — ער הוסט — זאָגט בעני.
15. — ניין, ניט דאָס וויל איך וויסן. איך פרעג: וואָס טוט דיין טאַטע ווען ער איז געזונט?
16. — ווען ער איז געזונט, הוסט ער ניט.
17. — ניין — זאָגט דער לערער — איך פרעג: וואָס טוט דיין טאַטע ווען ער איז ניט קראַנק און ער הוסט ניט?
18. — אָ — מאַכט דאָס יינגעלע — ווען ער הוסט ניט טוט ער זיך אָן און גייט אַרויס אין דרויסן".

נייע ווערטער: הייסטו, אַלט, יאָר, הוסט, וויסן.

סערעלעס געבוירנטאָג

1. הײַנט איז סערעלע אַלט געוואָרן זיבן יאָר. עס איז איר געבוירנטאָג.
2. עס איז פֿריילעך אין הויז. עס קומען אַ סך געסט.
3. עס קומען קינדער — מיידלעך און ייִנגלעך.
4. די קינדער ברענגען שיינע זאַכן פֿאַר סערעלען.
5. סערעלע נעמט די שיינע זאַכן און זאָגט:
6. — אַ דאַנק, קינדער, אַ דאַנק!
7. די מאַמע באַקט גוטע, זיסע זאַכן. זי לייגט די גוטע זאַכן אויפֿן טיש און זאָגט:
8. — גייט, קינדער, צום טיש. עסט און טרינקט און לאַכט און זינגט!
9. סערעלע זיצט מיט די קינדער בײַם טיש. בערעלע שטעלט זיך אויף און זאָגט:
10. מײַן שוועסטערל איז זיבן יאָר געוואָרן,
זאָל זי האָבן אַ סך גוטע יאָרן;
מײַן שוועסטערל איז שיין און פֿײַן,
זאָל זי אַלע מאָל פֿריילעך זײַן!
11. אַלע קינדער זײַנען פֿריילעך. זיי עסן און טרינקען און לאַכן און זינגען:
12. זאָל סערעלע אויף לאַנגע יאָר
מיט אונדז דאָ אַלע זײַן;
זאָל זי ווערן, זאָל זי ווערן
גרויס און גוט און פֿײַן.

נײַע ווערטער: געוואָרן, זיבן, אַ דאַנק, פֿײַן, געבוירנטאָג.

סערעלע שרײַבט אַ בריוו

1. סערעלע זיצט בײַם טיש און שרײַבט.
2. קומט צו דער טאַטע און פרעגט:
3. — סערעלע, וואָס שרײַבסטו?
4. — איך שרײַב אַ בריוו.
5. — אַ בריוו? — פרעגט דער טאַטע — צו וועמען?
6. — איך שרײַב אַ בריוו צו דעם פעטער יאָסל און צו דער מומע ביילע.
7. — וואָס שרײַבסטו אין דעם בריוו?
8. איך שרײַב דעם פעטער מיט דער מומען אַז איך בין שוין זיבן יאָר אַלט, אַז איך בין אַ גרויסע...
9. לאַכט דער טאַטע:
10. — אָ — דו ווילסט אַז דער פעטער און די מומע זאָלן דיר שיקן שײנע זאַכן?
11. לאַכט אויך סערעלע:
12. — ניין, איך וויל נאָר, אַז זיי זאָלן וויסן, אַז איך בין שוין אַ גרויסע.
13. דאָ קומט אַרײַן די מאַמע. זי האָט עפּעס אין האַנט.
14. פרעגט סערעלע: מאַמע, וואָס האָסטו אין האַנט?
15. לאַכט די מאַמע און זאָגט: דאָס איז עפּעס פאַר דיר...
16. — פאַר מיר? — פרעגט סערעלע — פון וועמען?
17. — פון דעם פעטער יאָסל און פון דער מומע ביילע.
18. סערעלע ווערט פריילעך. זי טאַנצט און זינגט. זי נעמט דעם בריוו און שרײַבט אַרײַן:
19. — אַ דאַנק, פעטער יאָסל! אַ דאַנק, מומע ביילע!

נײַע ווערטער: שרײַבסטו, פעטער, מומע, בריוו, וועמען.



1. איין מאָל שטייען די קינדער אויף אין דער פרי. זעען זיי דאָס פענצטער אין צימער איז אָפן. די זון שײַנט אַרײַן, און פייגעלעך זינגען שיין. די קינדער ווערן פרײלעך, און סערעלע רופט אויס:

2. — שוין אַוועק דער ווינטער! עס וועט שוין זײַן וואַרעם! און בערעלע רופט אויס:
— זע, די פייגעלעך זײַנען שוין דאָ! זיי זינגען אַזוי שיין! איך האָב ליב די פייגעלעך!
— איך האָב ליב די זון — רופט נאָך אַמאָל אויס סערעלע
— די זון מאַכט וואַרעם. מיר וועלן זיך קענען שפּילן אין דרויסן!
— לאָמיר די פייגעלעך געבן עסן — שרײַט בערעלע.

3. די קינדער נעמען ברעקלעך ברויט. זיי שטייען בײַם פענצטער און רופן די פייגעלעך:
— אָט האָט איר ברעקלעך! קומט, פייגעלעך, עסט!
די פייגעלעך זעען אַז דאָס פענצטער איז אָפן. זיי קומען צו. זיי כאַפּן די ברעקלעך פון די קינדער.

4. סערעלע זינגט אַ לידעלע:

אוי, ווי גוט, אוי, ווי פײַן! זאָל דאָס פענצטער אָפן זײַן —
עס שײַנט די זון און שײַנט: אַ שיינער טאָג איז הײַנט!

נײַע ווערטער: פענצטער, אָפן, זון, שײַנט, פייגעלעך, ברעקלעך.

סערעלע וויל ניט אויפשטיין

1. עס איז אין דער פרי. סערעלע ליגט נאָך אין איר בעטל. די מאַמע גייט צו און זאָגט:

— סערעלע, סערעלע, שטיי אויף! דער האָן קרייט שוין!

— ער וויל קרייען, דער האָן, זאָל ער קרייען! איך וויל שלאָפן.

באַלד קומט די מאַמע נאָך אַ מאָל צו און זאָגט:

— שטיי אויף, סערעלע, שטיי אויף! די זון שײַנט שוין!

— זי וויל שײַנען, די זון, זאָל זי שײַנען! איך וויל שלאָפן!

2. באַלד קומט די מאַמע צו נאָך אַ מאָל און זאָגט:

— סערעלע, די פֿייגעלעך זינגען שוין!

— זיי ווילן זינגען, די פֿייגעלעך, זאָלן זיי זינגען! איך וויל שלאָפן.

קומט באַלד די מאַמע נאָך אַמאָל צו און שרײַט!

— אָבער, סערעלע, דאָס עסן שטייט שוין אויפֿן טיש!

— אוי! דאָס עסן! — שרײַט סערעלע.

3. זי שפּרינגט באַלד אַראָפּ פֿון בעטל. זי טוט זיך אָן. זי וואַשט זיך אָפּ און לויפֿט צום טיש. די מאַמע גיט סערעלען עסן און זינגט אַזאַ לידעלע:

איך האָב אַ שיין מיידעלע,
איז זי גוט און וואויל;
ווען אַלע קינדער שטייען אויף,
ווערט זי אָבער פֿויל...

נײַע ווערטער: ליגט, האָן, קרייט, באַלד, וואויל, פֿויל.

אויף דער פֿאַרם

1. עס איז געווען אַ שיינער טאָג. די זון האָט געשײַנט און עס איז געווען וואַרעם. האָט דער טאַטע גענומען בערעלען און סערעלען אויף אַ פֿאַרם.

2. אויף דער פֿאַרם האָבן די קינדער געזען אַ סך שיינע זאַכן. דאָרט איז אויך געווען אַ גרויסער, שיינער האָן. די קינדער האָבן גענומען ברעקלעך און געגעבן דעם האָן. דער האָן איז געוואָרן פֿריילעך. די קינדער האָבן געזען ווי דער האָן שטעלט זיך אַוועק און קרייט.

3. די קינדער זײַנען אויך געוואָרן פֿריילעך. זיי האָבן געזאָגט:
— זע נאָר, טאַטע, זע! דער האָן קרייט!
באַלד האָט בערעלע געפֿרעגט:
— טאַטע, פֿאַרוואָס מאַכט דער האָן צו די אויגן ווען ער קרייט?
— איך ווייס — האָט סערעלע געענטפֿערט — דער האָן מאַכט צו די אויגן ווײַל ער איז פֿויל...
— ניין, סערעלע, — האָט דער טאַטע געזאָגט — דער האָן איז ניט פֿויל. דער האָן שטייט אויף פֿריִער פֿאַר אַלע קינדער.

4. — אָבער פֿאַרוואָס מאַכט דער האָן צו די אויגן ווען ער קרייט?
האָט דער טאַטע געלאַכט און געזאָגט:
—דער האָן מאַכט צו די אויגן ווײַל ער ווייס וואָס ער וויל זאָגן... ער דאַרף ניט קוקן אין קיין בוך...
— כאַ־כאַ־כאַ — האָבן די קינדער געלאַכט — דער האָן דאַרף ניט קוקן אין קיין בוך!...

נייע ווערטער: געווען, גענומען, פֿאַרם, דאָרט, ווײַל, פֿריִער.



בערעלע און די פייגעלעך

1. איין מאָל איז בערעלע געגאַנגען מיט זײַן טאַטן אין גאַס. זעט ער ווי אַ ייִנגעלע שטייט מיט פיר פייגעלעך אין די הענט. האָט בערעלע געקוקט אויף די פייגעלעך און געפרעגט:

— ייִנגעלע, וואָס ווילסטו טאָן מיט די פייגעלעך?

ענטפערט דאָס ייִנגעלע:

— איך נעם זיי אַהיים. איך וועל זיי געבן עסן און טרינקען.

2. שטייט בערעלע און טראַכט. מיט אַ מאָל זאָגט ער צום ייִנגעלע:

— ווילסטו פאַרקויפן די פייגעלעך?

— יאָ — האָט געענטפערט דאָס יינגעלע — איך וויל זיי פאַרקויפן.

— וויפל ווילסטו פאַר זיי ?

— צוויי דאָלער פאַר אַלע פייגעלעך.

זאָגט בערעלע צום טאַטן :

— טאַטע, גיב מיר צוויי דאָלער. איך וויל קויפן די פייגעלעך.

— צו וואָס דאַרפסטו די פייגעלעך ? — פרעגט דער טאַטע.

— וועסט זען, טאַטע. איך וויל קויפן די פייגעלעך.

3. האָט דער טאַטע גענומען צוויי דאָלער און געגעבן בערעלען. האָט בערעלע געגעבן דאָס געלט דעם יינגעלע, און גענומען בײַ אים די פייגעלעך. באַלד זעט דער טאַטע, אַז בערעלע לאָזט די פייגעלעך אַוועקפליען...

— וואָס טוסטו ? — פרעגט דער טאַטע.

האָט בערעלע געענטפערט :

— פייגעלעך דאַרפן זײַן פרײַ. זיי דאַרפן פליען און זינגען און זײַן פריילעך !

פראַגעס :

1) וואָס האָט בערעלע געזען ?

2) וויפל האָט בערעלע באַצאָלט פאַר די פייגעלעך ?

3) וואָס האָט בערעלע געטאָן מיט די פייגעלעך ?

נײַע ווערטער : גאַס, דאָלער, געגאַנגען, לאָזט, אַוועקפליען, פרײַ.



פסח

1. די קינדער זײַנען געווען אין שול. עס איז געווען שטיל. מיט אַ מאָל האָט דער לערער געזאָגט:

— קינדער, איך וועל אײַך דערציילן נאָך אַ מעשה פון פסח.

האָט איין קינד געפרעגט:

— לערער, וויפל טעג איז פסח?

האָט דער לערער געזאָגט: דער יום־טוב פסח איז אַ גאַנצע וואָך.

האָט נאָך איין קינד געפרעגט:

— ג״יט מען פסח אין שול אַרײַן?

— ניין, — האָט דער לערער געענטפערט — פסח לערנט מען ניט.

זײַנען די קינדער געוואָרן פֿרײלעכער און געזאָגט:

— דאָס איז גוט, לערער! לאָמיר הערן אַ מעשה!

האָט דער לערער דערציילט:

2. מיר האָבן אַ יום־טוב פּסח ווײַל די ייִדן זײַנען געוואָרן פֿרײַ. אַמאָל, אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק, זײַנען די ייִדן ניט געווען פֿרײַ. איז געקומען אַ ייִד, משה, און געזאָגט: „אַלע ייִדן דאַרפֿן זײַן פֿרײַ!” און די ייִדן זײַנען געוואָרן פֿרײַ!

3. דער לערער האָט דערציילט נאָך און נאָך. די קינדער האָבן געהערט. ווען די קינדער זײַנען געקומען אַהיים האָבן זיי געזאָגט:

— מיר האָבן געהערט אַ שיינע מעשה. די מעשה פֿון פּסח.

פֿראַגעס:

1) וויפֿל טעג איז פּסח?

2) פֿאַרוואָס האָבן מיר פּסח?

3) ווער האָט באַפֿרײַט די ייִדן?

נײַע ווערטער: וואָך, יום־טוב, פּסח, דערציילן, ייִדן, צוריק, משה.

אַ סדר

1. אַ גאַנצע וואָך זײַנען די קינדער ניט געגאַנגען אין שול אַרײַן. עס איז געווען פּסח. אין הויז איז געווען ריין און שיין. מע האָט געמאַכט אַ סדר. מע האָט ניט געגעסן קײַן ברויט. מע האָט געגעסן מצה און גע־טרונקען ווײַן.

בײַם סדר האָט בערעלע געפֿרעגט דעם טאַטן די פֿיר קשיות. דער טאַטע האָט געענטפֿערט אויף די פֿיר קשיות, און דערציילט פֿון דעם ייִדן, משה.

2. האָט סערעלע געפרעגט:

— טאַטע, פאַרוואָס עסט מען פסח ניט קיין ברויט? פאַרוואָס עסט מען מצה?

האָט דער טאַטע דערציילט:

— ווען די ייִדן זײַנען געוואָרן פרײַ, האָבן זיי ניט געהאַט קיין צײַט צו באַקן ברויט. האָבן זיי געבאַקן מצה, אין דרויסן, אויף דער זון.

— און פאַרוואָס טרינקט מען פסח ווײַן? — האָט סערעלע נאָך אַ מאָל געפרעגט.

— מע טרינקט ווײַן, ווײַל פסח איז אַ פרייליכער יום־טוב. פסח זײַנען די ייִדן געוואָרן פרײַ. עס איז גוט צו זײַן פרײַ.

3. די קינדער האָבן געפרעגט נאָך און נאָך, ביז שפּעט אין אָוונט. דער טאַטע האָט געענטפערט. די קינדער האָבן געטרונקען ווײַן. באַלד האָבן זיי אויסגערופן:

— מאַמע, מיר ווילן שלאָפן. עס דרייט זיך אונדז דער קאָפּ.

טאַטע־מאַמע האָבן געלאַכט. די קינדער זײַנען געגאַנגען שלאָפן.

פראַגעס:

1) וואָס מאַכט מען פסח?
2) וואָס עסט מען פסח?
3) וואָס טרינקט מען פסח?
4) וואָס פרעגט מען פסח?

נײַע ווערטער: סדר, געגעסן, משה, געטרונקען, ווײַן, קשיות, צײַט.

דער טאַטע פֿאָרט אַוועק

1. באַלד נאָך יום־טוב איז דער טאַטע אַוועקגעפֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. ער איז געפֿאָרן צו־גאַסט צום פֿעטער יאָסל און צו דער מומע ביילע. די מאַמע איז געבליבן מיט די קינדער אין דער היים. די קינדער האָבן אָבער אויך געוואָלט פֿאָרן צו־גאַסט. האָט די מאַמע געזאָגט:

— ניין, קינדער. איר דאַרפֿט גיין אין שול אַרײַן. אַן אַנדער מאָל, ווען איר וועט זײַן פֿרײַ פֿון שול, וועט איר פֿאָרן צו־גאַסט.

2. בערעלע און סערעלע האָבן געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל באַלד קומען צוריק. אַלע טאָג האָבן זיי געפֿרעגט:
— מאַמע, ווען וועט שוין קומען דער טאַטע?

3. איין מאָל איז סערעלע געשטאַנען ביים פֿענצטער. דאָס פֿענצטער איז געווען אָפֿן. האָט סערעלע געזען ווי פֿייגעלעך פֿליען. זי האָט געמאַכט מיט די הענט צו די פֿייגעלעך, און גענומען זינגען אַזאַ לידעלע:

— פֿייגעלע, פֿייגעלע — פּי. פּי, פּי!
— וואו איז דער טאַטע? — ניטאָ הי.
— ווען וועט ער קומען? — מאָרגן פֿרי.
— וואָס וועט ער ברענגען? — עפּל פֿיר.
— וואו וועט ער זיי לייגן? — ביי דער טיר.
— ווער וועט זיי עסן? — איך מיט דיר!

נײַע ווערטער: שטאָט, אַן אַנדער, געבליבן, געוואָלט, הי.

דער טאַטע קומט צוריק

1. דער טאַטע איז ניט געווען אין דער היים אַ גאַנצע וואָך.
ווען דער טאַטע איז געקומען צוריק האָט ער געבראַכט שיינע זאַכן.
פאַר די קינדער האָט ער געבראַכט צוויי פּאָר שיך.
איין פּאָר פאַר בערעלען און איין פּאָר פאַר סערעלען.

2. האָט בערעלע אָנגעטאָן די שיך און געזאָגט:

— אוי, סאַראַ שיינע שיך! אַ דאַנק, טאַטע, אַ דאַנק!
און ער האָט גענומען טאַנצן און זינגען:

ס'האָט דער טאַטע מיר געבראַכט
שיכעלעך אַ פּאָר;
וועל איך מיר זיי טראָגן —
דאָס גאַנצע, גאַנצע יאָר!

3. סערעלע האָט אויך אָנגעטאָן די שיך, וואָס דער טאַטע האָט איר געבראַכט. מיט אַ מאָל זאָגט סערעלע:
— טאַטע, די שיך זײַנען ניט גוט. זיי זײַנען צו קליין.

האָט דער טאַטע געקוקט אויף סערעלעס שיך און גע־נומען לאַכן:

— ניין, קינד מײַנס, די שיך זײַנען ניט צו קליין. דײַנע פיס זיינען צו גרויס...

די מאַמע האָט געזען אַז סערעלע האָט ניט גוט אָנגע־טאָן די שיך. האָט זי אויך געלאַכט און געזאָגט:

— טו אָן די שיך ווי מע דאַרף, וועלן זיי ניט זײַן צו קליין, און דײַנע פיס וועלן ניט זײַן צו גרויס!

נײַע ווערטער: געבראַכט, שיך, טראָגן, קליין, פיס.

אין פּאַרק

1. זונטיק זײַנען טאַטע־מאַמע מיט די קינדער געגאַנגען אין פּאַרק. אין פּאַרק זײַנען דאָ אַ סך ביימער. דאָרטן זײַנען אויך דאָ אַ סך שיינע בלומען און פייגעלעך.
סערעלע האָט געזען ווי איין פייגעלע פליט און טראָגט אַ פעדער און שטעלט זיך אַוועק אויף אַ בוים. האָט סערעלע געפרעגט:
— פאַרוואָס טראָגט דאָס פייגעלע אַ פעדער?
האָט בערעלע געענטפערט:
— איך ווייס! דאָס פייגעלע טראָגט אַ פעדער פאַר איר נעסט.

2. און בערעלע האָט באַלד געמאַכט אַ לידל פאַר דעם פייגעלע מיט דער נעסט:

פייגעלע פליט, פייגעלע טראָגט,
אַ פעדערל, אַ האָר;
עס מאַכט אַ נעסט אַ וואַרעמע
פאַר קינדערלעך אַ פּאָר.

3. טאַטע־מאַמע מיט די קינדער זײַנען געווען אַ לאַנגע צײַט אין פּאַרק. זיי זײַנען געווען פריילעך. זיי האָבן גע־נומען זינגען לידער פון דעם פּאַרק, פון די ביימער און פון די בלומען.
באַלד האָט די מאַמע געזאָגט:
— עס ווערט שוין שפּעט. קומט, לאָמיר גיין אַהיים!
אַלע זײַנען פריילעכע אַהיים־געגאַנגען.

נײַע ווערטער: פעדער, פּאַרק, נעסט, ביימער, בוים, האָר, בלומען.

אַ רעגן

1. די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין גאַס. מיט אַ מאָל האָט גענומען גיין אַ רעגן. דער רעגן איז געפאַלן אויף די קינדער, אויף די ביימער, אויף די בלומען. האָבן די קינדער גענומען שרײַען:
— מײַנע האָר זײַנען נאַס!
— מײַן פּנים איז נאַס!
— מײַן נאָז איז נאַס!...

2. אָבער די קינדער זײַנען געבליבן אין גאַס. זיי האָבן זיך גענומען פֿאַר די הענטלעך און גענומען זינגען:
„גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן
פֿון די קליינע קינדערס וועגן".
אַז די קינדער זײַנען שטיל געוואָרן, האָט בערעלע געזאָגט:
— קינדער, עס איז גוט ווען עס גייט אַ רעגן!
— יאָ — האָט אויסגערופֿן סערעלע — איך וועל מער ניט דאַרפֿן וואַשן מײַנע האָר!
— איך וועל מער ניט דאַרפֿן וואַשן דאָס פּנים — האָט אויסגערופֿן אַ ייִנגעלע.

3. — קינדער, — האָט בערעלע געזאָגט — אַ רעגן איז גוט פֿאַר דער פֿאָרם, פֿאַר דעם פֿעלד, פֿאַר די ביימער, און פֿאַר די בלומען.
— בערעלע האָט גוט געזאָגט — האָבן אויסגערופֿן אַלע קינדער:
— זאָל גיין דער רעגן, זאָלן ווערן נאַס,
פֿעלד און ביימער און די גאַס!

נײַע ווערטער: רעגן, נאַס, פּנים, גאָט, וועגן, פֿעלד.

משה

1. עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. די קינדער זײַנען געווען מיד. זיי האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג געשפּילט אין פּאַרק און אין גאַס.
די קינדער האָבן זיך געלייגט אין די בעטלעך. די מאַמע האָט געזאָגט:
— אַ גוטע נאַכט, קינדער. שלאָפט געזונט.
האָבן בערעלע און סערעלע געזאָגט:
— מאַמע, דערצייל אונדז פריער אַ מעשה!
האָט די מאַמע דערציילט אַזאַ מעשה:

2. „אַמאָל, אַמאָל, מיט אַ לאַנגער צײַט צוריק, איז געווען אַ מאַן — משה. איז דער מאַן געווען אין פעלד מיט זײַנע לעמעלעך. מיט אַ מאָל איז איין קליין לעמעלע אַוועק. עס האָט גענומען לויפן און לויפן.
איז דער מאַן געגאַנגען כאַפּן דאָס לעמעלע. באַלד האָט דער מאַן געזען ווי דאָס לעמעלע שטעלט זיך אָפּ ביי אַ טײַך. דאָס לעמעלע האָט געטרונקען פון דעם וואַסער אין טײַך. ווען דאָס לעמעלע האָט שוין מער ניט געוואָלט טרינקען, האָט משה געזאָגט:
— מײַן קליין לעמעלע! דו ביסט מיד. איך וועל דיך טראָגן אויף די הענט.

3. און משה האָט גענומען דאָס לעמעלע אויף די הענט. ער האָט עס געבראַכט צוריק אַהין וואו אַלע לע־מעלעך זײַנען געווען.
האָט גאָט געזען וואָס משה האָט געטאָן. און גאָט האָט געזאָגט:
— משה איז אַ גוטער מאַן. ער איז גוט צו די לעמע־לעך, וועט ער אויך זײַן גוט צו די ייִדן. איך וועל אים שיקן העלפן די ייִדן."

נײַע ווערטער: מיד, נאַכט, מאַן, טײַך, לעמעלעך.

סערעלע און איר ברודערל

1. סערעלע איז אַ גוט שוועסטערל. זי שפּילט זיך אַלע מאָל מיט איר קליין ברודערל, ווען טאַטע־מאַמע זײַנען ניטאָ אין דער היים.
סערעלע וואַשט איר ברודערל. זי טוט אים אָן און גיט אים עסן. סערעלע וויל אַז איר ברודערל זאָל זײַן פרייי־לעך. זי וויל ער זאָל לאַכן. מאַכט זי ווי אַ קאַץ: מיאַו, מיאַו, מיאַו! זי מאַכט ווי אַ הינטעלע: האַוו־האַוו־האַוו! זי מאַכט ווי אַ לעמעלע: מע! מע! מע!

2. אויף דער נאַכט, ווען טאַטע־מאַמע קומען אַהיים פון דער אַרבעט, לייגט זי דאָס ברודערל שלאָפן. זי זינגט אים אַ לידעלע:

שלאָף, שלאָף, שלאָף!
דער טאַטע וועט קומען פון דאָרף!
וועט ער ברענגען אַן עפּעלע —
וועט זײַן געזונט אין קעפּעלע;
וועט ער ברענגען אַ ניסעלע —
וועט זײַן געזונט אין פיסעלע;
וועט ער ברענגען אַ פייגעלע —
וועט זײַן געזונט אין אייגעלע...

3. אָבער דאָס ברודערל וויל נאָך ניט שלאָפן. אין דרויסן גייט אַ רעגן. דאָס ברודערל הערט ווי דער רעגן גייט. זאָגט סערעלע:

רעגן, רעגן, זאָל שוין זײַן!
גיי דיר אין דײַן רו אַרײַן!
קום צוריק אַ זייגער נײַן,
ווען גוטע קינדער שלאָפן אײַן!

נײַע ווערטער: אַרבעט, דאָרף, קעפּעלע, ניסעלע, נײַן.

מאַמע און קינד אין פּאַרק

1. איין מאָל, אין אַ שיינעם טאָג, איז די מאַמע געגאַנגען מיטן קינד, בערעלעס און סערעלעס ברודערל, אין פּאַרק אַרײַן.

די מאַמע איז געזעסן אויפֿן גרינעם גראָז אונטער אַ בוים. אויף אַ צווײַגעלע פֿון אַן אַנדער בוים איז געווען אַ קליין פֿייגעלע.

זעט די מאַמע ווי דאָס פֿייגעלע מאַכט צו די אייגע־לעך און זינגט.

2. קוקט אויך דאָס קינד אויפֿן פֿייגעלע און הערט ווי עס זינגט. האָט די מאַמע גענומען דאָס קינד אויף די הענט. זי האָט גענומען זינגען אַ שיין לידעלע:

3.

שטייט אין פֿעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווײַגעלעך.
זיצט אויף דעם אַ פֿייגעלע,
מאַכט עס צו די אייגעלעך.

אויף די גרינע צווײַגעלעך
וואַקסט אַ גאָלדן עפּעלע;
מאַך צו, מײַן קינד, די אייגעלעך,
געזונט זאָל זײַן דײַן קעפּעלע.

4. די מאַמע זינגט שטיל. דאָס קינד הערט זיך צו. באַלד שלאָפֿט עס אײַן.

נײַע ווערטער: געזעסן, גרינעם, גראָז, צווײַגעלע, וואַקסט, גאָלדן.

פראַגעס

1. ווען בערעלע זיצט אין קלאַס האָט ער ליב צו פרעגן פראַגעס. אַלע מאָל פרעגט ער דעם לערער: „פאַר־וואָס איז דאָס אַזוי, און פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?"
איין מאָל איז בערעלע געקומען אין קלאַס מיט אַ גרויס שטיק פאַפּיר. אויפן פאַפּיר זיינען געווען אַ סך פראַגעס. האָט דער לערער געזאָגט:
— זאָל בערעלע לייענען די פראַגעס און די קינדער וועלן ענטפערן. האָט בערעלע געלייענט אַזוי:

2.

— פאַרוואָס איז גרין דאָס גראָז,
— פאַרוואָס איז אויפן פנים די נאָז?

— פאַרוואָס האָט אַ מענטש צוויי הענט?
— פאַרוואָס האָט אַ צימער פיר ווענט?

— פאַרוואָס עסט מען מיטן מויל?
— פאַרוואָס איז אַ פוילער פויל?

— פאַרוואָס איז דער רעגן נאַס?
— פאַרוואָס לערנט מען אין קלאַס?

— פאַרוואָס זיינען פיש אין טייך?
— פאַרוואָס איז מיין טאַטע ניט רייך?

— פאַרוואָס איז קאַלט דאָס אייז?
— פאַרוואָס איז דער שניי ווייס?

3. די קינדער אין קלאַס האָבן געענטפערט אויף אַ סך פראַגעס. און דער לערער האָט געזאָגט:
— קינדער, ווען איר וועט זיין גרויס, וועט איר קענען ענטפערן אויף אַלע פראַגעס.

נייע ווערטער: קלאַס, פראַגעס, הענט, מויל, פיש רייך, אייז, ווייס.

אַן אַלטע מעשה

1. דער זיידע האָט איין מאָל דערציילט בערעלען און סערעלען אַן אַלטע מעשה:

„אַמאָל, אַמאָל האָט אין אַ דאָרף געוואוינט אַ מאַן. דער מאַן איז געווען זייער רײַך. ער האָט געהאַט אַ סך געלט. ער האָט געהאַט אַ גרויס, שיין הויז. ער האָט געהאַט אַ גרויסן שיינעם גאָרטן מיט ביימער און בלומען. אין גאָרטן איז אויך געווען אַ טײַך מיט פיש. דער רײַכער האָט אויך געהאַט אַ גרויס פעלד מיט גרין גראָז. אויפן פעלד האָט ער געהאַט אַ סך לעמעלעך — גרויסע און קליינע.

2. אין דעם דאָרף, וואו עס האָט געוואוינט דער רײַכער מאַן, האָט אויך געוואוינט אַ מאַן וואָס איז געווען אָרעם. ער האָט גאָרניט ניט געהאַט. ניט קיין געלט, ניט קיין הויז, ניט קיין גאָרטן, ניט קיין פעלד. ער איז געווען אַן אָרעמאַן.

נאָר איין קליין לעמעלע האָט דער אָרעמאַן געהאַט. ער האָט זייער ליב געהאַט דאָס לעמעלע. וואָס ער האָט געגעסן האָט אויך דאָס לעמעלע געגעסן. וואו ער איז געשלאָפן איז אויך דאָס לעמעלע געשלאָפן.

3. איין מאָל איז געקומען אַ גאַסט צום רײַכן מאַן. דער רײַכער מאַן האָט געוואָלט מאַכן עסן פאַרן גאַסט. איז ער געגאַנגען צום הויז פון דעם אָרעמאַן. דער אָרעמאַן איז ניט געווען אין דער היים. האָט דער רײַכער מאַן געזען דאָס לעמעלע. האָט ער גענומען דאָס לעמעלע פון דעם אָרעמאַן און געמאַכט פון דעם עסן פאַר זײַן גאַסט."

4. אַז די קינדער האָבן געהערט די מעשה, האָבן זיי אויסגערופן: — דער רײַכער מאַן איז אַ שלעכטער!

— יאָ — האָט דער זיידע געזאָגט — זייער אַ שלעכטער!

נײַע ווערטער: זייער, געוואוינט, אָרעם, אָרעמאַן, שלעכטער.

דער מאַן מיטן בער

1. בערעלע איז געזעסן אין הויז און געלייענט אַ מעשה. זעט סערעלע ווי ער לייענט און לאַכט. פרעגט זי אים:
— פון וואָס לאַכסטו, בערעלע?
— איך לייען אַ שיינע מעשה — האָט בערעלע געענטפערט — איך לייען אַ מעשה פון אַ מאַן מיט אַ נאַרישן בער.
— לייען די מעשה נאָך אַ מאָל. איך וויל אויך הערן.
האָט בערעלע געלייענט די מעשה נאָך אַ מאָל:

2. „אַמאָל איז געווען אַ מאַן. דער מאַן האָט געהאַט אַ בער וואָס קען טאַנצן. איין מאָל איז דער מאַן איינגעשלאָפן אונטער אַ בוים. מיט אַ מאָל קומט אַ בין און שטעלט זיך בײַם מאַן אויפן קאָפּ. טרײַבט דער מאַן אַראָפּ די בין מיט דער האַנט. שטעלט זיך די בין אויף דער נאָז. טרײַבט זי דער מאַן אַראָפּ. פליט די בין נאָך אַ מאָל און שטעלט זיך אויפן מויל. טרײַבט זי דער מאַן נאָך אַ מאָל אַוועק. פליט די בין און שטעלט זיך בײַם מאַן אויפן שטערן.

3. זעט דער בער ווי דער מאַן טרײַבט און טרײַבט די בין און זי וויל ניט אַוועק. גייט דער בער און נעמט אַ גרויסן שטיין. ער גייט באַלד צו צום מאַן און גיט אים אַ קלאַפּ מיטן שטיין אין שטערן, דאָרט וואו די בין איז געווען. שטייט דער מאַן אויף און שרײַט:
— אוי, מײַן קאָפּ! אוי, מײַן שטערן!"
בערעלע און סערעלע האָבן זייער געלאַכט פון דער מעשה מיטן נאַרישן בער.

נײַע ווערטער: בין, טרײַבט, שטערן, שטיין, קלאַפּ.

וואָס איז אַ שטערן?

1. איין מאָל האָט בערעלע געהערט ווי די מאַמע זינגט דעם ברודערל אַ שלאָף־לידעלע:

א — ב — ג,
אַ שטערן שײַנט אין הימל;
ד — ה — ו;
שלאָף שוין, קינד מײַנס, שלאָף

פרעגט בערעלע בײַ דער מאַמען:
— מאַמע, ווי קען אַ שטערן זײַן אין הימל? אַ שטערן איז אויפן פּנים!
האָט די מאַמע געלאַכט און געזאָגט:

2. — יאָ, בערעלע, אַ שטערן איז אויפן פּנים. אָבער אַ שטערן איז אויך דאָ אין הימל. די זון שײַנט בײַ טאָג און אַ שטערן שײַנט בײַ נאַכט...
האָט בערעלע געזאָגט:
— אָ, איך ווייס שוין! אַ שטערן קען זײַן צוויי זאַכן...

3. באַלד איז בערעלע אַרײַן צו סערעלען אין צימער און געגומען שרײַען:
— סערעלע, סערעלע! דײַן שטערן איז אויפן הימל!
האָט סערעלע גיך געלייגט די האַנט אויפן פּנים און געזאָגט:
— ניין, בערעלע, מײַן שטערן איז דאָ... דו לאַכסט פון מיר!
האָט בערעלע דערציילט סערעלען וואָס די מאַמע האָט געזאָגט — אַז אַ שטערן קען זײַן צוויי זאַכן. און די קינדער האָבן געמאַכט אַזאַ לידל:

4.

שטערן אויפן פּנים,
שטערן אויפן הימל.
אַ שטערן דאָ — אַ שטערן דאָרט.
צוויי זאַכן זײַנען דאָ,
אין דעם איינעם וואָרט!

נײַע ווערטער: שטערן, הימל, בײַ טאָג, בײַ נאַכט, גיך, וואָרט.

דער לערער און די קינדער

1. איין מאָל ווען די קינדער זײַנען געקומען אין שול אַרײַן, האָבן זיי געזען אַז דער לערער איז ניט געווען אין קלאַס. אויפן טאָוול איז געווען אָנגעשריבן אַזוי: „קינדער! מײַן מוטער איז קראַנק. איך וועל קומען שפּעטער. איך בעט אײַך זיצן שטיל און שרײַבן פון ביכל" —

איַיער לערער

2. אַלע קינדער האָבן גענומען די ביכלעך און די העפטן און שטיל געשריבן. קיינער האָט ניט געשטערט. שפּעטער האָט בערעלע געזאָגט צו די קינדער:
— לאָמיר געבן געלט, וועלן מיר גיין און קויפן בלומען פאַר דעם לערער!
האָבן די קינדער געזאָגט:
— יאָ, עס וועט זײַן שיין!

3. אַלע האָבן געגעבן געלט: פּענים און ניקלס. נאָך דעם זײַנען צוויי מיידעלעך פון קלאַס געגאַנגען און געקויפט פאַרן גאַנצן געלט שיינע בלומען.
די קינדער האָבן אַרײַנגעשטעלט די בלומען אין אַ קליין שיסעלע מיט וואַסער. דאָס שיסעלע מיט די בלומען האָבן זיי געשטעלט בײַם לערער אויפן טיש. אויפן טאָוול האָבן די קינדער אָנגעשריבן אַזוי:

„מיר האָבן געטאָן וואָס דער לערער האָט געזאָגט מיר זײַנען געווען שטיל. זאָל זײַן מוטער געזונט ווערן.״

4. ווען דער לערער איז צוריק געקומען אין קלאַס אַרײַן, האָט ער געזען די בלומען. ער האָט אויך געלייענט וואָס די קינדער האָבן אָנגעשריבן. ער האָט געזאָגט:
— אַ דאַנק, גוטע קינדער, אַ דאַנק!

נײַע ווערטער: טאָוול, בעטן, אײַער, ביבלעך, קיינער, געשטערט.

סערעלע וויל קיבעלעך

1. איין מאָל איז סערעלע געזעסן אין הויז. מיט אַ מאָל האָט זי גענומען וויינען. פרעגט זי די מאַמע:
— וואָס וויינסטו, סערעלע? ווילסט עפּעס?
— יאָ, — ענטפערט סערעלע — איך וויל עפּעס.
— וואָס ווילסטו, אַ קליידעלע?
— ניין — ענטפערט סערעלע — איך וויל אַן אַנדער זאַך.
— ווילסטו אַ פּאָר שיכעלעך?
— ניין, מאַמע, איך וויל אַן אַנדער זאַך.
— ווילסטו אַ קיבעלע?
— יאָ — רופט אויס סערעלע — איך וויל אַ קיבעלע!
— גוט — זאָגט די מאַמע — איך וועל דיר געבן אַ קיבעלע. אָבער פריער וועסטו מוזן זיך אויסלערנען אַ יידיש לידל...

2. האָט די מאַמע אויסגעלערנט סערעלען אַזאַ לידל:

— יאַמע, יאַמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל.
— דאָס מיידעלע וויל אַ קליידעלע האָבן,
מוז מען גיין דעם שנײַדער זאָגן.
— ניין, מאַמעשי, ניין!
דו קענסט מיך ניט פאַרשטיין!
דו ווייסט ניט וואָס איך מיין!

— יאַמע, יאַמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל.
— דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר שיכעלעך האָבן,
מוז מען גיין דעם שוסטער זאָגן.
— ניין, מאַמעשי, ניין!
דו קענסט מיך ניט פאַרשטיין!
דו ווייסט ניט וואָס איך מיין!

— יאַמע, יאַמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל.
— דאָס מיידעלע וויל אַ קיכעלע האָבן,
מוז מען גיין דעם בעקער זאָגן.
— יאָ, מאַמעשי, יאָ!
דו קענסט מיך שוין פאַרשטיין!
דו ווייסט שוין וואָס איך מיין!

נײַע ווערטער: מוזן, שנײַדער, שוסטער, פאַרשטיין, מיין.

בערעלע קען ייִדיש

1. איין מאָל איז בערעלע געווען אין פּאַרק. זעט ער ווי אַן אַלטער ייִד זיצט אויף אַ באַנק און לייענט אַ ייִדיש בוך. גייט בערעלע צו. ער קוקט און קוקט און לייענט איבער דעם נאָמען פון דעם בוך.

הערט דער אַלטער ייִד ווי בערעלע לייענט איבער דעם נאָמען פון בוך. פרעגט ער בערעלען:

— קענסטו לייענען ייִדיש ?

— יאָ — האָט בערעלע געענטפערט — איך לערן זיך אין אַ ייִדישער שול. איך האָב זיך דאָרט אויסגעלערנט אַ שיין ייִדיש לידל.

2. און בערעלע האָט געזאָגט דאָס לידל:

איך בין אַ ייִדיש ייִנגעלע,
דאָס קענט איר זען אליין.
אָבער ייִדיש, זעט איר דאָך,
קען איך ניט פאַרשטיין.

שיקט מען מיך אין שול אַריין,
פרייִלעך בין איך דאָרט.
ייִדיש לערן איך זיך פיין,
אָט אַזוי — וואָרט נאָך וואָרט.

אַלע טאָג אַ ברעקעלע,
אַלע טאָג אַ ביסל.
און נאָך אַ ביסל,
און נאָך אַ ביסל,
ווערט אַ פולע שיסל !

נייַע ווערטער: באַנק, איבער, נאָמען, רעדן, אַ ביסל, פול.

3. דער אַלטער ייִד האָט געהערט בערעלעס לידל און גע־זאָגט:
— ביסט אַ גוט ייִדיש ייִנגעלע!

„האָסט נאָך צײַט"

1. אַ סך מאָל, ווען בערעלע בעט עפּעס, ווען בערעלע וויל עפּעס, זאָגט איר די מאַמע:
— „וואַרט אַ ביסל, האָסט נאָך צײַט!"
איין מאָל איז בערעלע געקומען און געזאָגט:
— מאַמע, קויף מיר אַ רויט קליידעלע!
האָט די מאַמע געענטפערט:
— וואַרט אַ ביסל, מײַן קינד, האָסט נאָך צײַט!

2. אַן אַנדער מאָל האָט בערעלע געזאָגט:
— מאַמע, לאָמיר פאָרן צו־גאַסט צום זיידן מיט דער באָבען!
— וואַרט אַ ביסל, מײַן קינד — האָט די מאַמע געענטפערט — האָסט נאָך צײַט.
שפּעטער איז בערעלע געקומען און געזאָגט:
— מאַמע, גיב מיר געלט. איך וויל זיך עפּעס קויפן!
האָט די מאַמע נאָך אַ מאָל געזאָגט:
— וואַרט אַ ביסל, האָסט נאָך צײַט...

3. האָט בערעלע גענומען וויינען, און שרײַען:
— גיב מיר געלט! גיב מיר געלט!
האָט די מאַמע געזאָגט:
— זאָל זײַן שטיל, בערעלע! איך וועל ווערן בייז!
איז בערעלע געוואָרן שטיל און געזאָגט:
— בייז? ווילסטו ווערן בייז? ניין, מאַמע! וואַרט אַ ביסל. האָסט נאָך צײַט...

נײַע ווערטער: וואַרט, רויט, בייז.



אַרבעטער

1. די קינדער זײַנען געזעסן אין קלאַס. דער לערער האָט מיט זיי געלערנט וועגן מענטשן וואָס אַרבעטן. ער האָט זיי דערציילט וועגן אַ שנײַדער, וועגן אַ שוסטער, וועגן אַ בעקער און וועגן נאָך אַ סך אַרבעטער.

שפּעטער האָט דער לערער געפרעגט פראַגעס. ער האָט געזאָגט אַז די קינדער דאַרפן ענטפערן אויף ייִדיש. האָבן די קינדער געענטפערט אויף ייִדיש.

2. איין קינד האָט געזאָגט אַז אַ שנײַדער נייט מיט אַ נאָדל. אַן אַנדער קינד האָט געזאָגט אַז אַ שוסטער נייט שיך. נאָך אַ קינד האָט געזאָגט אַז אַ בעקער באַקט ברויט פון מעל.

ווען די קינדער האָבן געדאַרפט גיין אַהיים האָט דער לערער געזאָגט אַז זיי זאָלן אין דער היים עפּעס שרײַבן וועגן די אַרבעטער. ער האָט געזאָגט זיי זאָלן שרײַבן אַ מעשהלע אָדער אַ לידעלע.

3. אין דער היים האָט סערעלע געשריבן אין איר העפט אַזאַ לידעלע:

אַ שנײַדער האָט אַ נאָדל, ער אַרבעט טאָג און נאַכט,
אַ שנײַדער האָט אַ שער; ער אַרבעט אַזוי שווער!

און בערעלע האָט געשריבן וועגן אַ שוסטער:

— שוסטער, שוסטער!
— איך, איך, איך!
— נאַ דיר מײַנע אַלטע שיך!
ווען איך וועל זאָגן: איינס, צוויי, דרײַ,
זאָלסטו מיר זיי מאַכן נײַ!

נײַע ווערטער: אַרבעטער, נײט, מעל, שער, שווער, דרײַ, אָדער.



מוטער־טאָג

1. איין מאָל האָט בערעלע געזאָגט צו סערעלען:
— דו ווייסט? מאָרגן איז מוטער־טאָג!
— יאָ — האָט סערעלע געזאָגט — איך ווייס! לאָמיר עפּעס קויפן פאַר דער מאַמען.

האָבן די קינדער גענומען געלט בײַם טאַטן. זײ האָבן געקויפט שײנע זאַכן פאַר דער מאַמען.

2. אויף מאָרגן זײַנען אַלע געזעסן בײַם טיש און געגעסן. נאָכן עסן האָט סערעלע געזאָגט:

— מאַמע, הײַנט איז מוטער־טאָג. מיר האָבן עפּעס געקויפט פאַר דיר...

די מאַמע האָט גענומען די שײנע זאַכן װאָס די קינ־דער האָבן איר געגעבן. זי האָט זיך זײער געפרײט. זי האָט געקושט די קינדער און געזאָגט:

— איך האָב גוטע קינדער! אַ דאַנק, אַ דאַנק!

3. שפּעטער איז די מאַמע אַרײַנגעגאַנגען צום קלײנעם ברודערל אין צימער. זי האָט געװיגט דאָס װיגעלע און געזאָגט:

אליע-ליוליע, אליע לו,
שלאָף, מײַן טײַערער, און רו;
וואויל איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען,
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלצדינג קען מען נאָך געפינען,
אַלצדינג קויפט מען נאָך פאַר געלט.
נאָר אַ מאַמע, זי איז איינע,
מער ניט איינע אויף דער וועלט.

נײַע װערטער: זיך געפרײט, געקושט, טײַערער, אַלצדינג, געפינען, װעלט.

אַ יום־טוב אין שול

1. אין שול איז געווען אַ יום־טוב. אַלע קינדער זײַנען געקומען מיט זייערע עלטערן, מיט זייערע זיידעס און באָבעס, און מיט זייערע פעטערס און מומעס.

די קינדער האָבן זיך געפרייט. אַלע געסט זײַנען געזעסן און געוואַרט. די קינדער האָבן געדאַרפט שפּילן, זינגען און טאַנצן.

2. דער לערער איז אַרויסגעקומען און געזאָגט צו די געסט:

— זאָל זײַן שטיל. מיר הייבן אָן!

עס איז געוואָרן שטיל. די קינדער זײַנען אַרויסגעקומען. די געסט האָבן געפּאַטשט מיט די הענט. די קינדער האָבן גענומען זינגען ייִדישע לידער. שפּעטער האָבן די קינדער געשפּילט. בערעלע איז געווען אַ „זיידע" און סערעלע איז געווען אַ „באָבע". בערעלע האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד. סערעלע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנג קליידל. בערעלע האָט גערעדט ווי אַ זיידע און סערעלע האָט גערעדט ווי אַ באָבע.

3. אַלע געסט האָבן געלאַכט און געפּאַטשט מיט די הענט. בערעלעס און סערעלעס עלטערן האָבן זיך זייער געפרייט. דער טאַטע האָט שפּעטער געזאָגט צו בערעלען:

— דו ביסט געווען אַ גוטער זיידע...

— און איך בין געווען אַ גוטע באָבע — האָט סערעלע געזאָגט.

— יאָ — האָט די מאַמע געקושט סערעלען — דו ביסט געווען זייער אַ גוטע באָבע!

נײַע ווערטער: זייערע, הייבן אָן, געפּאַטשט, באָרד, עלטערן.



זומער

1. דער זומער איז שוין דאָ! די זון שײַנט אַ גאַנצן טאָג. דער הימל איז בלוי. אין הויז און אין דרויסן איז זייער הייס. מענטשן טוען אויס די רעקלעך.

ווען בערעלע איז אַהיים געקומען פון שול איז ער גיך אַרײַן אין הויז. ער האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל און איז באַלד צוריק אַרויס אויף דער גאַס. דאָרט האָבן שוין געוואַרט אויף אים זײַנע פרײַנד.

2. די קינדער זײַנען אַלע געגאַנגען צום טײַך זיך באָדן. זיי זײַנען געגאַנגען און גענומען זינגען:

דער זומער איז געקומען,
עס איז דער הימל בלוי.
לאָמיר אַלע גיין צום טײַך,
און שווימען — אָט אַזוי!

שווימען ווי די פישעלעך,
איינס און צוויי און דרײַ;
ניט געשטאַנען, ניט גערוט,
זומער איז מען פרײַ!

3. בערעלע מיט זײַנע פרײַנד זײַנען אַרײַן אין טײַך. אַלע האָבן גענומען שרײַען, לאַכן, טאַנצן און שפּרינגען. דאָס יִנגעלע, דעני, האָט מורא געהאַט אַרײַנצוגיין אין וואַסער אַרײַן. האָט בערעלע גערעדט צו אים:

— האָב ניט קיין מורא! דעני! קום אַרײַן! דאָס וואַסער איז גוט, קום, מירן דיך לערנען שווימען!

4. האָבן די קינדער געשלעפּט דענין אין טײַך אַרײַן. זיי האָבן אים געלערנט שווימען. דעני איז געוואָרן פרייליך און געזאָגט:

— איך האָב שוין מער ניט קיין מורא! עס איז גוט צו שווימען!

נײַע ווערטער: זומער, בלוי, רעקלעך, פרײַנד, באָדן זיך, שווימען.

די בעסטע מאַמע

1. דאָס איז געווען איין מאָל, אין אַ שיינעם זומער־טאָג. עס איז געווען זייער הייס. אַ סך מענטשן זײַנען זיך געגאַנגען באָדן צום טײַך. סערעלע איז אויך געגאַנגען מיט דער מאַמען זיך באָדן אין טײַך.

נאָכן באָדן זיך איז סערעלע געזעסן בײַם טײַך לעבן דער מאַמען און געקוקט ווי אַנדערע שווימען. מיט אַ מאָל זעט סערעלע ווי אַ קליין מיידעלע מיט אַ בלוי קליידעלע שטייט לעבן טײַך און וויינט. גייט סערעלע צו צום מיידעלע און פרעגט:

2. — וואָס וויינסטו, מיידעלע?

— איך ווייס ניט וואו מײַן מאַמע איז — האָט דאָס מיידעלע נאָך מער געוויינט.

— שווימט דײַן מאַמע אין טײַך? — האָט סערעלע געפרעגט.

— יאָ. זי שווימט מיט אַלע מאַמעס...

— ווייסטו וואו דײַן מאַמע איז אין טײַך?

— ניין, אין טײַך זײַנען דאָ אַ סך מאַמעס.

— האָט דײַן מאַמע רויטע האָר?

— ניין.

— האָט דײַן מאַמע שוואַרצע האָר?

— ניין. ניט קײַן רויטע און ניט קײַן שוואַרצע.

3. פרעגט סערעלע נאָך אַ מאָל:

— נו, ווי קען מען וויסן ווער דײַן מאַמע איז?

האָט דאָס מיידעלע גענומען וויינען:

— מײַן מאַמע איז די בעסטע מאַמע!

האָט סערעלע געלאַכט און גענומען שרײַען צו די מאַמעס אין טײַך:

— ווער איז די בעסטע מאַמע? ווער איז די בעסטע מאַמע? ווייסט איר ווער דאָס מיידעלע איז?

איז דעם מיידעלעס מאַמע אַרויסגעקומען און געזאָגט:

— דאָס איז מײַן מיידעלע. דאָס בעסטע מיידעלע!



נײַע ווערטער: לעבן (ביי), שוואַרצע, בעסטע.

ווייסט בערעלע אַלצדינג?

1. איין מאָל האָבן די קינדער זיך געשפּילט אין הויז. הערט דער טאַטע ווי בערעלע רופט אַלע מאָל אויס:

— אָ, איך קען אַלצדינג! איך ווייס אַלצדינג!

האָט אים דער טאַטע געפרעגט:

— וואָס קענסטו, בערעלע? לאָמיר הערן!

האָט בערעלע געענטפערט:

— אָ, איך קען לויפן, איך קען שפּרינגען, איך קען רעדן, איך קען...

— יאָ, בערעלע, דו קענסט — האָט דער טאַטע געזאָגט — דו קענסט אַ סך רעדן... הער זיך צו, בערעלע, וועל איך דיר עפּעס דערציילן.

2. און דער טאַטע האָט דערציילט בערעלען אַ מעשה מיט אַ גאַנדז. אָט אַזאַ מעשה:

„אַ גאַנדז שווימט אַמאָל אין טײַך. זעט זי איר בילד אין וואַסער. איז איר דאָס בילד זייער געפעלן געוואָרן. נעמט די גאַנדז שרײַען:

—אָ, איך בין קלוג! איך בין די בעסטע אויף דער וועלט! איך קען לויפן אויף דער ערד, איך קען שווימען אין וואַ־סער, איך קען פליען! אָ, קיינער איז ניט אַזוי ווי איך!

— אָ, נאַרישע גאַנדז — האָט מען איר געזאָגט:

— קענסטו לויפן ווי אַ פערד?

— קענסטו שווימען ווי אַ פיש?

— קענסטו פליען ווי אַ פייגעלע?

— ניין, דו קענסט ניט. עס איז בעסער צו קענען איין זאַך און גוט, ווי צו קענען אַביסעלע פון אַ סך זאַכן.

3. בערעלע האָט געהערט דעם טאַטנס מעשה. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— איך פאַרשטיי שוין, טאַטע. איך פאַרשטיי!

נײַע ווערטער: גאַנדז, בילד, געפעלן, קלוג, ערד, בעסער.

ווifל געלט קומט בערעלען?

1. בערעלע הערט אַלע מאָל אַז זײַנע עלטערן דאַרפֿן באַצאָלן געלט. זיי דאַרפֿן באַצאָלן אין קראָם; זיי דאַרפֿן באַצאָלן דעם בעקער; זיי דאַרפֿן באַצאָלן דעם שוסטער און דעם שנײַדער. אַלע ווילן מע זאָל זיי באַצאָלן. האָט בערעלע איין מאָל גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און אָנגעשריבן וויפֿל געלט עס קומט אים פֿון זײַן מאַמען.

2. אויף מאָרגן האָט די מאַמע געפֿונען דאָס פּאַפּיר. אויפֿן פּאַפּיר איז געווען אָנגעשריבן:

די מאַמע דאַרף באַצאָלן בערעלען:

1.	פֿאַר גיין קויפֿן זאַכן אין קראָם — — — — —	15 סענט
2.	פֿאַר רעדן ייִדיש אין הויז — — — — — — —	10 סענט
3.	פֿאַר טרינקען מילך — — — — — — — — — —	5 סענט
4.	פֿאַר זײַן גוט און וואויל — — — — — — — —	25 סענט
	צוזאַמען — — — — — — — — — — —	55 סענט

3. ווען בערעלע איז געקומען פֿון שול, האָט אים די מאַמע געגעבן 55 סענט. זי האָט אים אויך געגעבן אַ שטיקל פּאַפּיר. אויף דעם שטיקל פּאַפּיר האָט די מאַמע אָנגעשריבן אַזוי:

בערעלע דאַרף באַצאָלן דער מאַמען:

1.	פֿאַר האָבן נײַן גוטע יאָר אין הויז — — — —	גאָרניט.
2.	פֿאַר נײַן יאָר עסן און טרינקען — — — — —	גאָרניט.
3.	פֿאַר העלפֿן אים ווען ער איז קראַנק — — —	גאָרניט.
4.	פֿאַר האָבן גוטע עלטערן — — — — — — —	גאָרניט.
	צוזאַמען — — — — — — — — — — —	גאָרניט.

4. בערעלע האָט געלייענט וואָס די מאַמע האָט אָנגע־שריבן. ער איז באַלד צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און זי געקושט. ער האָט איר אָפּגעגעבן די 55 סענט און געזאָגט:

— מאַמע, דו דאַרפסט מיר גאָרניט באַצאָלן. מיר קומט אויך — גאָרניט.

ניַיע ווערטער: קראָם, געפונען, באַצאָלן, צוזאַמען.

אַ לאָך אין קעשענע

1. איין מאָל גייט בערעלע אין גאַס. זעט ער ווי זיַינע פריַינד, מעני און בעני, שטייען און רעדן. גייט ער צו און הערט וואָס זיי רעדן:

מעני: טרעף, בעני, וואָס האָב איך ביַי זיך אין קעשענע?

בעני: איך קען ניט טרעפן. זאָג מיר בעסער!

מעני: ניין, איך וויל דו זאָלסט טרעפן!

בעני: ווער האָט עס דיר געגעבן?

מעני: קיינער האָט עס מיר ניט געגעבן!

בעני: וואו האָסטו עס געקויפט?

מעני: איך האָב עס ניט געקויפט.

בעני: ווי אַזוי קומט עס צו דיר אין קעשענע?

מעני: עס איז... עס איז אַליין געוואָרן!

בעני: איז עס בלוי?

מעני: ניין. ניט בלוי.

בעני: איז עס שוואַרץ?

מעני: ניין. ניט שוואַרץ.

בעני: איז עס פון שטיין?

מעני: ניין. ניט פון שטיין.

בעני: איז עס זיס? ביטער?

מעני: ניין. ניט זיס און ניט ביטער.

בעני: איך מיין אַז דו האָסט גאָרניט אין קעשענע...
מעני: איך זאָג דיר אַז איך האָב יאָ עפּעס...
בעני: ווּעסטו עס מיר געבן אויב איך וועל טרעפן?
מעני: איך קען עס ניט אַרויסנעמען פון קעשענע...
בעני: און איך קען ניט טרעפן.
מעני: זאָל איך דיר זאָגן וואָס עס איז?
בעני: זאָג שוין! לאָמיר הערן!
מעני: אַ לאָך!! איך האָב אַ לאָך אין קעשענע!

נײַע ווערטער: טרעפן, קעשענע, אויב, לאָך.

דער לעצטער טאָג אין שול

1. עס איז געווען דער לעצטער טאָג אין שול. אַלע קינ־דער זײַנען געווען אין קלאַס. זיי זײַנען געווען אָנגעטאָן ווי אין אַ יום־טוב טאָג. דער לערער איז אַרײַנגעקומען אין קלאַס. ער האָט געקוקט אויף די קינדער און געזאָגט:

— הײַנט איז דער לעצטער טאָג פֿון לערנען. איך װעל אײַך איצט זאָגן װער עס איז אַריבער אין צװײטן קלאַס.

2. די קינדער זײַנען געװאָרן זײער שטיל. דער לערער האָט געלײענט פֿון אַ פּאַפּיר. ער האָט געלײענט בערעלעס נאָמען, סערעלעס נאָמען, דענים נאָמען, און אַזױ אַלע נעמען פֿון אַלע קינדער. אַלע קינדער זײַנען אַריבער אין צװײטן קלאַס.

די קינדער האָבן זיך זײער געפֿרײט. דער לערער האָט גערעדט:

3. — איר זײַט געװען גוטע קינדער. איר האָט זיך גוט געלערנט די גאַנצע צײַט. װען איר זײַט געקומען אין שול, האָט איר ניט געקענט שרײַבן קײן ייִדיש — איצט קענט איר. איר האָט ניט געקענט לײענען — איצט קענט איר שױן. איר האָט ניט געקענט רעדן קײן ייִדיש — איצט קענט איר שױן אַ ביסל רעדן. איר קענט אױך אַ סך ייִדישע לידלעך. איר זײַט גוטע ייִדישע קינדער!

4. האָבן די קינדער גענומען שרײַען:

— יאָ, לערער. מיר קענען! מיר קענען! מיר האָבן ליב די ייִדישע שול!

האָט דער לערער געזאָגט:

— גײט אַהײם, קינדער. איר זײַט פֿרײַ! האָט אַ גוטן, פֿרײלעכן זומער!

— איר אױך, לערער, איר אױך!

די קינדער זײַנען פֿרײלעכע אַרױס אױף דער גאַס.

נײַע װערטער: לעצטער, צװײטער, אַריבער, נאָמען, זײַט, איצט.

מײַן מײדעלע ראָזע

מײַן מײדעלע ראָזע
גײט שלאָפֿן צו שפּעט.
זי קאָן דערפֿאַר מאָרגן,
נישט אױפֿשטײן פֿון בעט.

זי שלאָפֿט זיך נישט אױסעט, —
נו, װײנט זי און שרײַט,
און שטײט אױף כּסדר
אױף דער לינקער זײַט.

ב. סמאָליאר

פֿאַר אַ רעגן

פֿאַר די הענטלעך און די רינגעלע
קלײנע, שײנע קינדער זינגען:
גאָט געטרײַער, גיב אַ רעגן
פֿאַר די קלײנע קינדערס װעגן.

װײַזט אַ װאָלקן זיך פֿון אױבן,
נעמען זיך די פֿעלדער שטױבן,
און װי פּערל רעגן רײן:
טריף־טראָף, טריף־טראָף הײבט אָן גײן.

מאני לײב

איך האָב ליב

איך האָב ליב צוקער,
איך האָב ליב האָניק,
איך האָב ליב ברױט מיט פּוטער.
איך האָב ליב עפּל,
איך האָב ליב באַרן,
נאָר מער פֿון אַלץ —
מײַן מוטער.

ב. סמאָליאַר

אַ גוט שבת, מומע האָדל

אַלע פרײַטיק,
ערב שבת,
באַקט די מומע האָדל.
האָניק לעקעך,
צוקער לעקעך,
קיכעלעך און שטרודל.

נאָך אַ שטיקל,
נאָך אַ שטיקל,
לעקעך, פלאָדן, שטרודל.
אַ גוט שבת,
אַ גוט יאָר,
אַ דאַנק דיר, מומע האָדל.

בערל סיגאַל

קיץ־קאַץ

קיץ־קאַץ, קעצעלע,
וואַש מיר אויס אַ טעצעלע,
ס'קומען געסט צו מיר.
ס'קומט די מומע מירעלע
מיט דער טאָכטער צירעלע —
עפן זיי די טיר.

וואַשט די קאַץ אַן אויערל,
עפנט זיך דאָס טויערל,
ס'קומען געסט צו מיר.
ס'קומען קינדער ברעקעלעך,
רײַטן זיי אויף שטעקעלעך —
עפן זיי די טיר.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

ברײנדעלע

ברײַנדעלע לערנט זיך קאָכן
גאַנצע דרײַצן װאָכן.
האָט זי אין דרײַצן װאָכן
אױסגעלערנט זיך מילך צו קאָכן.

שטעלט זי צו דאָס טעפּל —
און איז אײַנגעשלאָפן,
איז די גאַנצע מילך —
פון טעפּל אױסגעלאָפן.

ב. גוטיאַנסקי

ברױט מיט פּוטער

ברױט מיט פּוטער,
ברױט מיט פּוטער —
גיב מיר ברױט מיט פּוטער.
שנײַד פֿאַר מיר,
שנײַד פֿאַר דיר,
שנײַד אױך פֿאַר דער מוטער.

ברױט מיט האָניק,
ברױט מיט האָניק —
איז גוט און זיס צוזאַמען.
אַ ביס פֿאַר מיר,
אַ ביס פֿאַר דיר —
אַ ביס אױך פֿאַר דער מאַמען.

ב. סמאָליאַר

דער זומער איז אַוועק

דער ליבער זומער
איז אַוועק.
רעגנס פאַלן
גאַנצע טעג.

נאַסע ווינטלעך
בלאָזן קאַלט,
טרײַבן פייגל
פון דעם וואַלד.

פייגעלעך, פייגעלעך,
פליט מיט גליק!
געזונטערהייט נאָר
קומט צוריק!

יצחק קאַצענעלסאָן

שניי, שניי

שניי, שניי ווײַסער שניי
כ׳האָב אויף דיר אַ יאָר געוואַרט,
קום־זשע הײַנט און מיך דערפריי,
זײַ נישט אַזוי אײַנגעשפּאַרט.

כ׳האָב אַ שליטן אָנגעגרייט,
הענטשקעס וואַרעמע אַ פּאָר
פאַל אויף גאַסן, פאַל אויף פּלויט,
פאַל אויף מײַנע בלאָנדע האָר.

האָט דער שניי זיך צוגעהערט,
איז געקומען — נאָר בײַנאַכט.
אין דער פרי איז ווײַס די ערד
ווײַס דער בוים און ווײַס דער דאַך.

אפרים אויערבאַך

לשנה טובה...

ראש השנה קומט,
ראש השנה איז דאָ!
לשנה טובה, לשנה טובה,
אין אַ גוטער שעה!

לשנה טובה דער באָבען,
לשנה טובה דעם זיידן;
אַ גוט יאָר, אַ גוט יאָר,
אַ גוט יאָר זייביידן!

לשנה טובה דעם טאַטן,
לשנה טובה דער מאַמען!
אַ גוט יאָר אַלעמען —
אַלעמען צוזאַמען!

אַ סוכה

כ'האָב אַ שיינע סוכה
זיך אַליין געמאַכט.
אויסגעפּוצט די סוכה,
ס'איז שוין יום־טוב נאַכט!

האָט מײַן סוכה ווענטעלעך,
אַ טיר און אַ דאַך;
איז דער דאַך צוגעדעקט,
מיט פרישן, גרינעם סכך.

קומט די מאַמע אין סוכה אַרײַן,
און זי גרייט דעם טיש;
ווען דער טאַטע קומט אַהיים,
עסט מען גוטע פיש!

קליינע ליכטעלעך

אַ, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשהלעך אָן אַ צאָל.
אַ, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
וואונדער פון אַמאָל.

מאָריס ראָזענפעלד

צינדט דער טאַטע...

צינדט דער טאַטע ליכטעלעך,
ווערט פריילעכער אין הויז!
ס'איז חנוכה, ס'איז חנוכה,
פרייט זיך קליין און גרויס!

יעדן טאָג אַ ליכטעלע,
ביז מיר האָבן אַכט;
דריידל, דריידל שפּילן מיר,
ביז שפּעט אין דער נאַכט.

חנוכה

דער טאַטע האָט אין לעמפּעלע
געצונדן ליכטעלעך אַכט.
די מאַמע האָט פון קיך אַרויס
די לאַטקעלעך געבראַכט.

די קינדער האָבן לאַכנדיק
די דריידלעך פלינק געדרייט.
ס'האָט דער ליבער חנוכה
געבראַכט אַזויפיל פרייד.

גויכבערג

די מעשה פון חנוכה

אַמאָל האָט אַ גריכישער קעניג אײַנגענומען דאָס ייִדישע לאַנד ארץ ישראל. דער קעניג איז געווען אַ שלעכטער, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז קײַן ייִד טאָר מער נישט אָפּהיטן שבת, טאָר מער נישט גײן אין ייִדישן טעמפּל און טאָר מער נישט לערנען די תורה.

דער קעניג האָט געוואָלט אַז די ייִדן זאָלן ווערן גריכן.

דעמאָלט האָט געלעבט אין ארץ ישראל אַן אַלטער, קלו־גער ייִד. זײַן נאָמען איז געווען מתתיהו. ער האָט געהאַט פינף זין. זײַנען אַלע זין געווען יונג און שטאַרק און קלוג. אָבער דער שטאַרקסטער און דער קליגסטער צווישן זיי איז געווען יהודה — יהודה המכבי.

האָט דער אַלטער מתתיהו געזאָגט צו זײַנע זין:

— לאָמיר פאַרטרײַבן דעם שלעכטן קעניג מיט זײַנע סאָל־דאַטן פון ייִדישן לאַנד! זאָלן אַלע יונגע און שטאַרקע ייִדן אַרויסגײן אין מלחמה!

האָט יהודה המכבי געזאָגט:

— מיר וועלן אַזוי טאָן!

זײַנען די פינף ברידער צוזאַמען מיט אַנדערע יונגע, שטאַר־קע ייִדן, אַרויסגעגאַנגען אין מלחמה קעגן דעם שלעכטן קעניג און זײַנע סאָלדאַטן. די ייִדן זײַנען געווען אין די הונדערטער, אָבער דעם קעניגס סאָלדאַטן זײַנען געווען אין די טויזנטער. נאָר די ייִדן זײַנען געווען שטאַרקער פון דעם קעניגס סאָלדאַטן.

דרײַ יאָר האָבן די ייִדן זיך געשלאָגן. צום סוף האָט יהודה המכבי מיט זײַנע מענטשן פאַרטריבן דעם קעניג מיט זײַנע סאָלדאַטן פון ארץ ישראל. אַלע ייִדן האָבן זיך זייער געפרייט. מע האָט אָנגעצונדן ליכט אין ייִדישן טעמפּל און אין אַלע ייִדי־שע הײַזער. מע האָט געזונגען לידער און מע האָט געטאַנצט אין די גאַסן!

פון דעמאָלט אָן איז בײַ ייִדן געבליבן אַ שיינער יום־טובֿ. דאָס איז דער יום־טובֿ חנוכה. אַכט טעג צינדט מען אָן ליכטע־לעך, מע עסט לאַטקעס, מע שפּילט אין דריידל און מע קריגט חנוכה־געלט.

די מגילה

אַמאָל איז געווען
אַ קעניג אַ נאַר,
און המן זײַן דינער —
אַ ביטערער האַר.

האָט המן דער בייזער
געגעבן אַ זאָג:
נעמט, הרגעט די ייִדן —
און אַלע אין איין טאָג!

האָט אסתּר די מלכּה —
אַ ייִדישע פרוי,
געוויינט פאַרן קעניג
אַזוי און אַזוי:

אָ, העלף מיר, מײַן קעניג,
מײַן פאָלק איז אין נויט,
דער המן וויל ברענגען
אויף ייִדן דעם טויט!

און באַלד האָט דער קעניג
צעבייזערט זיך שטאַרק:
נעמט, הענגט אים, דעם המן
אין מיטן פון מאַרק!

און אסתּרס פעטער —
מרדכי, דער ייִד,
האָט געזונגען פאַר ייִדן
אַ פּורימדיק ליד.

געהערט האָבן ייִדן
און האָבן געלאַכט,
און זיסע המן־טאַשן
אויף פּורים געמאַכט.

י. גויכבערג

די מעשה פון פורים

אין פערסיע האָט אַמאָל געלעבט אַ נאַרישער קעניג מיטן נאָמען אַחשוורוש. איז געקומען צום קעניג אַ שלעכטער מאַן מיטן נאָמען המן און געזאָגט:

— גרויסער קעניג, זאָל מען אויסהרגענען אַלע יידן פון לאַנד! זיי פאָלגן ניט דעם קעניג! מיר דאַרפן זיי ניט אין אונ־דזער לאַנד!

דער קעניג איז געווען שיכור, האָט ער געזאָגט:

— גיי, המן, טו מיט די יידן וואָס דו ווילסט!

אין יענער צייט האָט דער קעניג חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל אסתר. זי איז געווען זייער אַ שיינע און אַ גוטע יידישע טאָכטער. אסתר האָט געהאַט אַ קלוגן פעטער מיטן נאָמען מרדכי.

ווען מרדכי האָט געהערט, וואָס דער שלעכטער המן וויל טאָן מיט די יידן, איז ער געגאַנגען צו אסתרן און איר געזאָגט, אַז זי זאָל בעטן דעם קעניג, אַז מע זאָל די יידן לאָזן לעבן. איז אסתר באַלד געגאַנגען צום קעניג און אים געבעטן ער זאָל ראַ־טעווען די יידן פון המנס הענט.

דער קעניג האָט שטאַרק ליב געהאַט אסתרן, האָט ער געטאָן ווי זי האָט געבעטן. ער האָט באַפוילן, אַז מע זאָל די יידן קיין שלעכטס ניט טאָן. אויף המנען איז דער קעניג זייער אין כעס געוואָרן, האָט ער געהייסן, אַז מע זאָל אים אויפהענגען.

האָבן זיך די יידן אין פערסיע זייער געפרייט. זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן, פריילעכן יום־טובֿ — פורים. פון דעמאָלט אָן איז געבליבן ביי די יידן דער פריילעכער יום־טובֿ פורים. יידן פרייען זיך, מע לייענט די מגילה, מע מאַכט אַ שיינע פורים־סעודה און מע שיקט שלח־מנות. און יידישע קינדער גראַגערן מיט די גראַגערס און זיי זינגען יעדן פורים:

המן האָט געוואָלט
די יידן אומברענגען,
האָט מען אים געטאָן
אַליין אויפהענגען.

אליהוס כוס

אליהוס כוס דער שיינער
שטייט שוין פול מיט ווײַן;
באַלד וועט אליהו קומען,
באַלד וועט ער אַרײַן.

נחום יוד

אויפן ניל

אויפן ניל, אויפן טײַך,
שווימט אַ קעסטעלע אַ קליינס;
אינעם קעסטעלע, רואיק, שטיל,
ליגט אַ ייִנגעלע אַ שיינס.

משה הייסט דאָס ייִנגעלע,
יוכבד, הייסט די מוטער;
ס'וועט דאָס ייִנגל זײַן אַ ייִד,
אַ שטאָלצער און אַ גוטער.

ער וועט די קנעכט באַפרײַען,
ווען ער וועט ווערן גרויס;
און דעם קעניג וועט ער זאָגן:
— לאָז מײַן פאָלק אַרויס!

אברהם רייזען

שבועות

שבועות, שבועות,
ליבע קינדער,
שבועות איז געקומען,
אויסגעפוצט
מיט גרינע צווײַגן, —
און באַקראַנצט מיט בלומען.

דער ברענענדיקער דאָרן

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָבן די ייִדן געלעבט אין לאַנד מצרים.

פּרעה, דער קעניג פֿון לאַנד, איז געווען זייער אַ שלעכטער מענטש. האָט ער באַפֿוילן, אַז אַלע ייִדן זאָלן ווערן שקלאַפֿן.

איז געקומען משה און געוואָלט באַפֿרײַען די ייִדן. איז דער קעניג בייז געוואָרן און אים געוואָלט הרגענען. איז משה אַנטלאָפֿן פֿון לאַנד מצרים. ער איז געקומען אינעם לאַנד מידין, און איז דאָרט געוואָרן אַ פּאַסטעך.

יעדן פֿרימאָרגן האָט משה געפֿירט זײַנע שאָף זיך פּאַשען לעבן אַ הויכן באַרג אין מידבר.

משה פֿלעגט זיצן און היטן זײַנע שאָף. און די גאַנצע צײַט האָט ער געטראַכט וועגן די ייִדישע שקלאַפֿן אין מצרים.

איין מאָל, ווען משה האָט געהיט די שאָף אין מידבר, האָט ער פּלוצעם דערזען אַ וואונדערלעך בילד. ער האָט געזען ווי אַ דאָרן האָט אָנגעהויבן צו ברענען, און דאָס פֿײַער איז געוואָרן גרעסער און גרעסער! משה האָט געמיינט אַז דער דאָרן וועט פֿאַרברענט ווערן, אָבער וואונדער איבער וואונדער! דער דאָרן האָט געברענט און געברענט און איז ניט פֿאַרברענט געוואָרן!

האָט משה זיך אויפֿגעהויבן און איז געגאַנגען זען פֿאַרוואָס דער דאָרן ווערט ניט פֿאַרברענט. ווען משה איז צוגעקומען נאָענט, האָט ער דערהערט ווי אַ שטים רופֿט פֿון דאָרן:

— משה, משה!

האָט זיך משה דערשראָקן און ער האָט געענטפֿערט:

— דאָס בין איך! ווער רופֿט מיך?

און די שטים האָט נאָכאַמאָל גערעדט:

— איך בין דער גאָט פֿון אַברהם, פֿון יצחק און יעקב! איך האָב געהערט דאָס געשריי פֿון מײַן פֿאָלק אין מצרים! גיי, משה, און באַפֿריי מײַן פֿאָלק פֿון דעם שלעכטן קעניג פּרעה!

און די שטים האָט אויפֿגעהערט, און דער דאָרן האָט מער ניט געברענט!

האָט משה געוואוסט, אַז ער דאַרף טאָן, וואָס גאָט האָט אים

געהייסן. איז ער געגאַנגען העלפֿן זײַנע ברידער אין לאַנד פֿון שלעכטן קעניג. און משה האָט באַפֿרײַט די ייִדן פֿון דעם לאַנד מצרים.

די מעשה פון פסח

אַמאָל זײַנען די ייִדן געווען קנעכט בײַם קעניג פּרעה אין לאַנד מצרים. פּרעה איז געווען אַ שלעכטער קעניג. ער האָט פֿײַנט געהאַט די ייִדן. האָט ער זיי געגעבן שווערע אַרבעט צו טאָן פֿאַר אים. בײַטאָג און בײַנאַכט האָבן די ייִדישע קנעכט געמוזט בויען שטעט און פּיראַמידן פֿאַרן שלעכטן קעניג.

אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג פֿאַר אים. האָט ער באַפֿוילן, אַז מע זאָל אַלע נײַ־געבוירענע ייִדישע ייִנגלעך אַרײַנוואַרפֿן אין טײַך אַרײַן.

האָבן די ייִדן געוויינט און געקלאָגט. זיי האָבן געשריגן צו גאָט ער זאָל זיי העלפֿן.

האָט גאָט געשיקט משהן ער זאָל העלפֿן די ייִדן און ער זאָל זיי באַפֿרײַען פֿון לאַנד מצרים.

איז משה געקומען צו פּרעהן און געזאָגט:

— דער ייִדישער גאָט האָט געהייסן דו זאָלסט באַפֿרײַען די ייִדן!

האָט דער שלעכטער פּרעה געלאַכט און געזאָגט:

— איך קען ניט דעם ייִדישן גאָט! איך וועל די ייִדן ניט באַפֿרײַען!

האָט משה ווידער געזאָגט:

— פּרעה, דער ייִדישער גאָט וועט דיך באַשטראָפֿן!

האָט פּרעה ווידער געלאַכט און געזאָגט:

— איך האָב ניט קיין מורא פֿאַר דעם ייִדישן גאָט!

איז משה אַוועק פֿון פּרעהן. און גאָט האָט אָנגעשיקט אויפֿן לאַנד מצרים צען מכּות. עס איז געווען אַזוי שלעכט פֿאַר די מענטשן פֿון מצרים, אַז דער קעניג האָט געמוזט באַפֿרײַען די ייִדן.

האָט משה אַרויסגעפֿירט די ייִדן פֿון מצרים. זיי זײַנען

אַרויס אין אײַלעניש; זײ האָבן אַפּילו ניט געהאַט קײַן צײַט צו באַקן ברויט. האָבן זײ אויפֿן וועג, אין מיטן פֿעלד, געבאַקן מצות.

דערפֿאַר האָבן די ייִדן דעם שײנעם יום־טובֿ פּסח, דעם יום־טובֿ פֿון פֿרײַהײַט.

די ייִדישע קו

אַמאָל האָט אין ארץ ישׂראל געלעבט אַ גוטער, פֿרומער ייִד. דער ייִד איז געווען אַ פּאַרמער. ער האָט געהאַט אַ פֿעלד און אַ קו.

פֿרילינג־צײַט פֿלעגט דער ייִד נעמען זײַן קו און מיט איר געאַקערט דאָס פֿעלד. זעקס טעג אין דער וואָך האָט דער ייִד געאַרבעט. שבת האָט ער גערוט. יעדן פֿרײַטיק פֿלעגט דער ייִד זאָגן צו זײַן קו:

— מײַן טײַערע קו! זעקס טעג האָסטו געאַרבעט. מאָרגן איז שבת. וועסטו רוען גלײַך מיט מיר!

איז אַזוי געווען. שבת, ווען אַלע ייִדן האָבן גערוט, האָט אויך די קו גערוט.

זײַנען אַריבער עטלעכע יאָר, און דער פֿרומער ייִד איז געוואָרן אָרעם. האָט ער פֿאַרקויפֿט דאָס פֿעלד און די קו צו אַן אַראַבער.

האָט דער אַראַבער גענומען די קו און מיט איר געאַקערט דאָס פֿעלד זעקס טעג. אויפֿן זיבעטן טאָג, שבת, נעמט דער אַראַבער די קו און וויל אָנהײבן אַקערן דאָס פֿעלד. לײגט זיך די קו אַוועק אויפֿן פֿעלד און וויל זיך ניט רירן פֿון אָרט.

הײבט דער אַראַבער אָן צו שרײַען אויף דער קו. ער שלאָגט זי. אָבער די קו רירט זיך אַלץ ניט פֿון אָרט.

איז געקומען דער אַראַבער צום ייִדן און געזאָגט:

— דו האָסט מיר פֿאַרקויפֿט אַ פֿוילע קו. זעקס טעג האָט זי געאַרבעט, אָבער הײַנט וויל זי ניט אַרבעטן. נאַ דיר דײַן קו און גיב מיר אָפּ מײַן געלט!

איז דער ייד צוגעגאַנגען צו דער קו און געזאָגט:

— מײַן טײַערע קו! איך בין אַ ייד, האָסטו בײַ מיר שבת ניט געאַרבעט. איצט ביסטו בײַ אַן אַנדערן. שטיי אויף און טו דײַן אַרבעט!

איז די קו אויפגעשטאַנען. זי איז צוגעגאַנגען צום אַראַבען און גענומען לעקן זײַן האַנט.

האָט דער אַראַבער רחמנות געקראָגן אויף דער קו. ער האָט זי גענומען גלעטן, און געזאָגט צום יידן:

— שבת איז אַ הייליקער טאָג. דאָס איז אַ יידישע קו, דאַרף זי רוען אין דעם טאָג פון שבת. פון איצט אָן וועל איך אויך רוען שבת צוזאַמען מיט דער קו.

האָט דער ייד געדאַנקט דעם גוטן אַראַבער און איז אַ פריילעכער אַהיימגעגאַנגען.

אַ בריוו צו גאָט

אַן אָרעמער ייד מיט זײַן פרוי האָבן געלעבט אין אַ קליין שטעטל. ס'האָט זיך דערנענטערט דער יום־טובֿ פסח. אַלע יידן פון שטעטל האָבן צוגעגרייט אַלץ, וואָס יידן דאַרפן האָבן אויף פסח. אָבער דער אָרעמער ייד מיט זײַן פרוי האָבן ניט געהאַט קיין געלט צו קויפן מצות, ווײַן, פיש און פלייש און אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס מע דאַרף האָבן אויף יום־טובֿ.

יעדן טאָג האָט די פרוי געזאָגט צו איר מאַן:

— וואָס וועט זײַן, מײַן מאַן? ווי אַזוי וועלן מיר מאַכן פסח?

און דער אָרעמער ייד האָט אַלעמאָל געענטפערט:

— גאָט וועט העלפן!

עס זײַנען געבליבן בלויז צוויי טעג צו פסח. דער ייד מיט זײַן פרוי זײַנען געווען זייער טרויעריק. האָט די פרוי געזאָגט:

— דו זאָגסט אַלעמאָל, אַז גאָט וועט העלפן, פאַרוואָס זשע זעסטו ניט ער זאָל העלפן?

האָט דער מאַן געזאָגט:

— וואָס זאָל איך טאָן? וואָס קען איך טאָן?

האָט די פֿרוי געטראַכט אַ ווײַלע און געזאָגט:

— שרײַב אָן אַ בריוו צו גאָט. שרײַב אַז מיר האָבן ניט אויף פּסח. שרײַב אַז ער זאָל אונדז העלפֿן...

האָט דער ייִד זיך געוואונדערט:

— וואָס רעדסטו? ווי קען מען שרײַבן אַ בריוו צו גאָט? ווי קען מען שיקן אַ בריוו צו גאָט?

— דו שרײַב אָן דעם בריוו — האָט די פֿרוי געזאָגט — איך וועל אים שוין אַוועקשיקן...

וואָס האָט דער ייִד געקענט טאָן? האָט ער געטאָן, וואָס זײַן פֿרוי האָט אים געבעטן. ער האָט אָנגעשריבן אַזאַ בריוול:

— „גרויסער גאָט! איך און מײַן פֿרוי זײַנען גוטע ייִדן. מיר ווילן מאַכן אַ שיינעם סדר, אָבער מיר האָבן גאָרניט אויף פּסח. העלף אונדז, גוטער גאָט".

צום סוף פֿון בריוול האָט דער ייִד אָנגעשריבן זײַן נאָמען און דעם נאָמען פֿונעם שטעטל.

האָט די פֿרוי גענומען דאָס בריוול. זי איז אַוועק אין מאַרק אַרײַן און געקויפֿט אַ טײַבעלע בײַ אַ פּאַרמערס אַ ייִנגל. דאָס בריוול האָט די פֿרוי צוגעבונדן צום טײַבעלעס פֿיסל און געזאָגט:

— פֿלי, טײַבעלע, פֿלי! ברענג דאָס בריוועלע צו גאָט!

איז דאָס טײַבעלע אַוועקגעפֿלויגן. עס איז געפֿלויגן אַ לאַנגע, לאַנגע צײַט ביז עס איז זייער מיד געוואָרן. עס האָט שוין מער ניט געקענט פֿליען. האָט זיך דאָס טײַבעלע אָפּגעשטעלט אויף אַ בוים. ווען דאָס טײַבעלע האָט זיך שוין אָפּגערוט און געוואָלט פֿליען ווײַטער, האָט עס ניט געקענט, ווײַל דאָס שטריקל וואָס האָט צוגעבונדן דאָס בריוול צום פֿיסל האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין אַ צווײַגל. האָט דאָס טײַבעלע זיך געריסן, און געשלעפּט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן...

דערווײַל איז פֿאַרבײַ געפֿאָרן אַ רײַכער מאַן. האָט ער געזען ווי דאָס טײַבעלע קען זיך ניט אָפּרײַסן פֿון בוים. האָט ער געזאָגט צו זײַן דינער, וואָס איז געווען מיט אים:

— גיי, בינד אָפּ דאָס טײַבעלע. זאָל עס פֿליען וואו עס דאַרף...

האָט דער דינער אויפֿגעבינדן דאָס שטריקל. דאָס טײַבעלע איז אַוועקגעפֿלויגן. מיט אַמאָל האָט דער דינער געזען דאָס בריוול. איז ער אַראָפּ פֿון בוים און געזאָגט צום רײַכן מאַן:

— זע, אַ בריוועלע! דאָס טײַבעלע האָט געטראָגן אַ בריוועלע!

האָט זיך דער רײַכער מאַן געוווּנדערט. ער האָט געעפֿנט דאָס בריוועלע און עס איבערגלייענט. ער האָט געטראַכט אַ ווײַלע און נאָכדעם האָט ער געזאָגט צום דינער:

— גײַ שנעל, נעם אַ פּעקל מצות, עטלעכע פֿלעשער ווײַן, פֿיש און פֿלײַש, און פֿיר אַלץ אַוועק צו דעם ייִדן אין שטעטל.

האָט דער דינער אַזוי געטאָן. ער האָט אַלץ אײַנגעפּאַקט, אַרויפֿגעלייגט אויף אַ וואָגן, און נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט ער עס אַלײַן אַוועקגעפֿירט אין שטעטל אַרײַן. ווען ער איז געקומען אין שטעטל איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. האָט ער איבערגעלאָזט אַלע זאַכן בײַ דער טיר פֿון אָרעמען ייִדנס הויז און איז אַוועקגעפֿאָרן.

אין דער פֿרי, ווען דער ייִד מיט זײַן פֿרוי זײַנען אויפֿגעשטאַנען און געעפֿנט די טיר, האָבן זיי געפֿונען אַלע זאַכן.

דער ייִד און זײַן פֿרוי האָבן אַ ווײַלע ניט געקענט רעדן פֿון גרויס פֿרייד. און די פֿרוי האָט מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— ביסט געווען גערעכט, מײַן מאַן. גאָט האָט טאַקע געהאָלפֿן!

די ביימער זוכן אַ קעניג

די ביימער האָבן געוואָלט האָבן אַ קעניג. זײַנען זיי געקומען צום אייל־בערט־בוים און געזאָגט צו אים:

— זײַ אונדזער קעניג!

האָט דער איילבערט־בוים געזאָגט:

— מײַן פֿרוכט איז גוט, מײַן פֿרוכט איז פֿעט. מענטשן

האָבן מיך ליב, און איך האָב ליב די מענטשן. איך וויל ניט זײַן קײַן קעניג איבער די ביימער!

זײַנען די ביימער געקומען צום פֿײַגנבוים און אים געפֿרעגט:

— ווילסטו זײַן אונדזער קעניג?

האָט דער פֿייגנבוים געענטפֿערט:

— מײַן פֿרוכט איז זיס, מײַן פֿרוכט איז געשמאַק! מענטשן האָבן ליב מײַן פֿרוכט. איך וויל בעסער געבן די מענטשן פֿון מײַן גוטער פֿרוכט. איך וויל ניט זײַן קײַן קעניג!

זײַנען די ביימער געקומען צום ווײַנשטאָק און געזאָגט:

— זײַ אונדזער קעניג!

האָט דער ווײַנשטאָק געזאָגט:

— פֿון מײַן פֿרוכט מאַכט מען ווײַן אויף יום־טובֿ. מענטשן טרינקען מײַן ווײַן און זיי זײַנען פֿריילעך. איך וויל פֿריילעך מאַכן די מענטשן. ניין, איך קען ניט זײַן אײַער קעניג!

זײַנען זיי געגאַנגען צו אַנדערע ביימער. אָבער קיינער האָט ניט געוואָלט ווערן דער קעניג פֿון די ביימער.

האָבן עטלעכע יונגע ביימער געזאָגט:

— לאָמיר גיין צום דאָרנבוים. אפֿשר וועט ער וועלן זײַן אונדזער קעניג.

האָבן די עלטערע ביימער געזאָגט:

— אַ דאָרנבוים פֿאַר אַ קעניג? ניין, שוין בעסער צו זײַן אָן אַ קעניג!

האָבן די עטלעכע יונגע ביימער ניט געוואָלט הערן, וואָס די עלטערע ביימער האָבן געזאָגט און זיי זײַנען אַוועק צום דאָרנבוים. האָט דער דאָרנבוים געזאָגט צו זיי:

— גוט, איך וועל זײַן אײַער קעניג! אָבער געדענקט, קײַן אַנדער קעניג וועט איר קיינמאָל ניט קענען האָבן!

האָבן די יונגע ביימער געזאָגט:

— זײַ אונדזער קעניג! מיר וועלן קײַן אַנדער קעניג ניט זוכן!

ווי נאָר די יונגע ביימער האָבן דאָס געזאָגט, איז אַרויס אַ פֿײַער פֿונעם דאָרנבוים און האָט זיי אַלעמען פֿאַרברענט.

גערעטעוועט דעם קעניג

אַמאָל איז געווען אַ קעניג, איז ער קראַנק געוואָרן און האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן. די גרעסטע דאָקטוירים האָבן געוואָלט אים געזונט מאַכן, און ניט געקענט. דאָ איז אַרײַנגעקומען אין פּאַלאַץ אַ דאָקטאָר און האָט געזאָגט:

— איך האָב אויסגעפונען אַ מעדיצין, וואָס קען אונדזער קעניג געזונט מאַכן. איך האָב אַ גאַנץ פּלעשל דערפון. אָבער איך האָב מורא פאַר איין זאַך: איך ווייס ניט וויפל פון דער מעדיצין צו געבן. טאָמער גיב איך צו ווייניק, אָדער צופיל, איז מעגלעך אַז דער חולה זאָל שטאַרבן.

בײַם קעניגס בעט איז געשטאַנען אַ דינער, וואָס האָט דעם קעניג פײַנט געהאַט און אים געוואָלט שלעכטס טאָן. איז ער שטיל אַוועק צום דאָקטאָרס שטוב און האָט אַרויסגעגנבעט דאָס פּלעשל מעדיצין. בײַנאַכט, ווען אַלע זײַנען געשלאָפן, האָט דער קעניג געוואָלט אַ טרונק וואַסער. האָט דער דינער אָנגעגאָסן פון פּלעשל אַ גלאָז מעדיצין און געגעבן דעם קעניג. דער קעניג האָט אויסגעטרונקען דאָס גלאָז מעדיצין און איז באַלד אײַנגעשלאָפן. ווען ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, האָט ער זיך געפילט בעסער. ביז די דאָקטוירים זײַנען געקומען, איז ער שוין געווען געזונט. און דער קעניג האָט דערציילט די דאָקטוירים וואָס עס האָט געטראָפן.

די דאָקטוירים האָבן זיך געוואונדערט. זיי האָבן גוט באַטראַכט דאָס גלאָז און געזאָגט:

— קעניג, דו זאָלסט וויסן, אַז דײַן דינער האָט דיר געוואָלט שלעכטס טאָן. אָנשטאָט אַ גלאָז וואַסער, האָט ער דיר געגעבן אַ גלאָז מעדיצין. ער האָט ניט געוואוסט וויפל דיר צו געבן, ער האָט געוואָלט דו זאָלסט שטאַרבן. יאָ, קעניג, דו דאַרפסט דײַן דינער טייטן.

דער קעניג האָט געענטפערט:

— ניין, דאָקטוירים, איך וועל מײַן דינער ניט הרגענען. אמת, ער האָט מיך געוואָלט טייטן, און ער וועט דאָס אפשר וועלן נאָך אַמאָל טאָן. דאַרף איך אים דערפאַר באַשטראָפן. אָבער

ער האָט דאָך געראַטעוועט מײַן לעבן. פֿאַר ראַטעווען דעם קעניגס לעבן קומט אים אַ רײַכער לוין.

האָט דער קעניג דעם דינער גוט באַלוינט, און אים אַוועקגעשיקט פֿון זײַן פּאַלאַץ.

ח. באַרקאַן

די פוילע טאָכטער

די מאַמע וועקט אין דער פֿרי איר טאָכטער:

— טעכטערל, טעכטערל, שטײ אויף! דער האָן האָט שוין געקרײט!

— זאָל ער קרײען דער האָן — ענטפֿערט די טאָכטער, — אַ האָן האָט אַ קלײן קעפּל, שלאָפֿט ער זיך גיך אויס.

אין אַ ווײַלע אַרום וועקט די מאַמע ווידער די טאָכטער.

— שטײ אויף, שטײ אויף, טעכטערל! דער פֿרימאָרגן שײַנט שוין!

— זאָל ער שײַנען, דער פֿרימאָרגן, ער האָט אַ סך צו שײַנען, מוז ער פֿרי אָנהײבן.

אין אַ צײַט אַרום קומט ווידער די מאַמע:

— טאָכטער, די זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען, שטײ אויף!

— די זון מוז זיך אײַלן, זי האָט אַ גרויסן, אַ לאַנגן וועג צו גײן, — האָט געענטפֿערט די טאָכטער און איז ווידער אײַנגעשלאָפֿן.

— אָבער טעכטערל, די קאַשע איז שוין פֿאַרטיק!

שנעל איז די טאָכטער פֿון בעט אַראָפּגעשפּרונגען.

— מאַמע, וואו ליגט דער גרויסער לעפֿל?

הירש מלמד

באַמערקונגען פונעם מחבר

„דער אָנהייבער" איז אַ טעקסטביכל וואָס פירט אויף אַ נייעם דרך אין דער מעטאָדיק פון יידיש־לימוד פאַר אָנהייבערס אין די מאָדערנע יידישע שולן. ניט אַריינגייענדיק אין קיין אויספירלעכע פרטים און אָנווייזונגען, וויל איך סומירן אַ צאָל וויכטיקע פונקטן אין שייכות מיטן ביכל:

דער וויזועלער מעטאָד: „דער אָנהייבער" איז צונויפגעשטעלט געוואָרן לויטן וויזועלן מעטאָד אַזוי ווי ער ווערט אָנגעווענדט אין די אַמעריקאַנער פּאַבליק סקולס, און ווי ער ווערט בכלל פּראַקטיצירט אין די פּראָגרעסיווע שולן ביי די אומות־העולם. לויט דעם מעטאָד לערנען די קינדער זיך אויס לייענען גאַנצע ווערטער ווי גלידער פון באַזיניקטע זאַצן און טעקסטן.

דער וויזועלער מעטאָד האָט מיך אָבער ניט פאַרפירט אַזוי ווייט אַז איך זאָל ניט איינזען דעם גרויסן אונטערשייד צווישן ענגליש און יידיש וואָס איז שייך דעם ענין אויסלייג און לייען־טעכניק. אין יידיש וואָס איז כמעט אַ פאָ־נעטישע שפּראַך, קען מען אינגאַנצן ניט פאַרוואַרפן דעם אַנאַליטיש־סינטעטישן מעטאָד. האָב איך, דערפאַר, נאָך יעדן לייען־טעקסט אַריינגעפירט בהדרגהדיק, די באַזונדערע אותיות מיט געניטונגען פאַרן טעכנישן לייענען און שרייבן.

דער סיפור־המעשה: די מעלה פונעם וויזועלן מעטאָד איז אויך דאָס וואָס מע קען, אויף אַ נאַטירלעכן אופן, אַריינפירן אַ סיפור־המעשה וואָס העלפט אָנצוהאַלטן דעם אינטערעס פון די קינדער, און פאַרשנעלערט דעם פּראָצעס פון דערקענען גאַנצע ווערטער. אויך די געניטונגען פאַרן טעכנישן לייענען און שרייבן זיינען ניט סתם צונויפגעשטעלטע טעקסטן פון אָפּגעריסענע ווערטער און זאַצן, נאָר לאָגישע טעקסטן מיט אַ סיפור־המעשה וואָס איז לרוב געבויט אויף דעם אינהאַלט פון די וויזועלע לייען־טעקסטן.

דער וואָקאַבולאַר: אַ גרויסער עיקר ביים צונויפשטעלן דאָס טעקסט־ביכל איז געווען דער פּרינציפּ פון קאָנטראָלירטן וואָקאַבולאַר וואָס פאָדערט אַז די ווערטער דאַרפן זיין אָפטע און ניצלעכע און זייער צאָל — אַ באַגרעניצטע. „דער אָנהייבער" איז בכן צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן סמך פון דער ווערטער־רשימה וואָס איז דערשינען אין די ייוואָ־בלעטער ווי אַ רעזולטאַט פון אַ קאָ־לעקטיווער אַרבעט פון אַ לערער־קאָמיסיע מיט יודל מאַרק בראש.

דאָס גאַנצע ביכל פאַרן ערשטן לערניאָר איז כולל אַן ערך פון 450 באַ־זונדערע ווערטער. דער וואָקאַבולאַר ווערט אַריינגעפירט בהדרגהדיק מיט אַ דורכשניט פון 5-6 נייע ווערטער פּער לעקציע. פאַרשטייט זיך אַז די ווערטער ווערן זייער אָפט איבערגעחזרט. אַריינרעכענענדיק די ווערטער וואָס די קינדער

קריגן צו דורך די קלאַס־שמועסן, ווערט, נאַטירלעך, דער ווערטער־אוצר פאַרן ערשטן לערניאָר פאַרטאָפּלט.

די טעמאַטיק און די טעקסטן: די דירעקטע קינדער־סביבה שפּיגלט זיך אָפּ אין די לייען־טעקסטן. „דער אָנהייבער" איז אַ כמו־קינדער־ראָמאַן וואו די העלדן זיינען צוויי קינדער, אַ יינגעלע און אַ מיידעלע. עס ווערן, פאַר־שטייט זיך, אַריינגעפירט די משפּחה־מיטגלידער, חברים, די שול, די גאַס, די ציַיטן פון יאָר אד"גל. כמעט אַלע טעקסטן זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן פונעם מחבר. צוליב דעם איז שוין מעגלעך געווען אויך אַריינצופירן אַ גרויסע צאָל נייע טעמעס וואָס זיינען ביז אַהער ניט געווען אין די אָנהייבער־ביכלעך.

איך האָב זיך באַנוצט מיט אַרום 20 טעקסטן וואָס זיינען אויסגעבאַרגט געוואָרן פון אַנדערע טעקסט־ביכלעך. אָט די טעקסטן, וואָס באַשטייען פון פאָ־פולערע מעשהלעך, אַנעקדאָטן און לידלעך, זיינען, סיי אינהאַלטלעך און סיי שפּראַכלעך, באַאַרבעט געוואָרן אַזוי אַז זיי זאָלן זיך קענען צופּאַסן צום איג־האַלט און צו די ציִלן פונעם ביכל. דאָרט וואו קיין שינויים זיינען ניט געמאַכט געוואָרן ווערט, ביים סוף פון טעקסט, אָנגעגעבן דער נאָמען פון מחבר.

די לענג פון די טעקסטן: די צאָל לויפנדיקע ווערטער אין יעדן טעקסט איז צוגעפּאַסט צו דער אויפנאַמספעיִקייט פון 7־8 יאָריקע קינדער. אָנהייבנדיק מיט 4 זאַצן אין דער ערשטער לעקציע, קומט מען, בהדרגהדיק, צו טעקסטן וואָס פאַרנעמען (אין דער צווייטער העלפט פון ביכל) אַ מאַקסימום פון אַנדער־האַלבן זייטלעך, קלענערע שריפט.

די איצטיקע צייט: אין דעם ערשטן טייל פון בוך זיינען די טעקסטן גע־שריבן לרוב אין דער איצטיקער צייט. אַזאַ איינשטעלונג האָט פאַראיינפאַכט דעם ענין וואָקאַבולאַר, ספּעציעל ווען יעדער וואָרט־פאָרעם ווערט פאַררעכנט פאַר אַ ניי וואָרט.

בילדער: כמעט יעדער לעקציע ווערט אילוסטרירט מיט פּאַסיקע בילדלעך וואָס זיינען ניט בלויז דעקאָראַטיוו, נאָר וואָס דאַרפן שטענדיק באַנוצט ווערן ווי אַ גוטער אַריינפיר־שמועס פאַר דער באַטרעפנדיקער לעקציע.

נומערירטע שורות: די שורות פון יעדן טעקסט זיינען נומערירט. דאָס איז אַ וויכטיקער הילפסמיטל לשם אָריענטאַציע. באַזונדערס איז דאָס וויכטיק אין די ערשטע סטאַדיעס פון יידיש לימוד ווען די קינדער זיינען שוין צוגעוואוינט צו לייענען ענגליש פון לינקס אויף רעכטס.

דראַמאַטיזאַציעס: קלאַס־דראַמאַטיזאַציעס פון די געלייענטע טעקסטן זיינען ממש אַ נויטווענדיקייט. זיי זיינען דער בעסטער מיטל צו אַקטיוויזירן די שפּראַך. דערפאַר וואָס די לייען־טעקסטן האָבן אַ סיפּור־המעשה און זיינען לרוב געבויט אויפן דיאַלאָג, קענען זיי לייכט דראַמאַטיזירט ווערן.

געשריבענע טעקסטן: פּאַראַלעל מיט די געניטונגען פאַרן פאָנעטישן לייענען, זיינען אויך געגעבן געוואָרן געשריבענע טעקסטן וואָס דאַרפן דינען פאַרן לייענען און קאָפּירן. ביי אַ צאָל פון די שפּעטערדיקע טעקסטן זיינען פאַראַן געשריבענע פראַגעס וואָס די קינדער דאַרפן לייענען, קאָפּירן און געבן מינדלעכע און שריפטלעכע ענטפערס.

אויסער די דערמאָנטע פונקטן איז ניט נייטיק צו געבן קיין אויספירלעכע אינסטרוקציעס צו די חברים לערערס. אויפן סמך פון אייגענער דערפאַרונג וועט יעדער לערער וואָס וועט זיך באַנוצן מיטן ביכל, געפינען אַ וועג צו דער־גרייכן דעם מאַקסימום רעזולטאַטן. דער ווערט פון „דער אַנהייבער" וועט קענען ריכטיק אָפּגעשאַצט ווערן ערשט נאָכדעם ווי מע וועט זיך מיט אים באַנוצן. איך האָף אַז די חברים לערערס וועלן אין דעם ביכל געפינען אַ געהעריק מיטל ווי אָריינצוברענגען אַ ביסל מער מזל־ברכה אינעם יידיש־לימוד.

איך דריק אויס מיין האַרציקן דאַנק דעם שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט און דעם פאַרלאַג „מתנות" פאַר אַרויסגעבן דאָס בוך. אַ גרויסן דאַנק קומט דער פעדאַגאָגישער קאָמיסיע פונעם שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט פאַר רע־קאָמענדירן דאָס ביכל. באַזונדערס וויל איך דאַנקען מיין קאָלעגע מ. גאָלדשטיין, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט די מימאָגראַפירטע טעקסטן פונעם פּראָיעקטירטן בוך און האָט אַ סך אַרויסגעהאָלפן ביים קאָרעגירן און אויסבעסערן די לייען־מאַטעריאַלן. איך שאַץ אויך אָפּ דעם אינטערעס פון די ח"ח י. מ. גודלמאַן, י. זיל־בערבערג און ל. שפּיטאַלניק פאַר איבערקוקן דעם מאַנוסקריפּט. און אחרון־אחרון: מיין פולסטע אָנערקענונג און דאַנק קומט פר' יודל מארק וואָס האָט מיך מיט אַזוי פיל אינטערעס און פריינדלעכקייט דערמוטיקט זיך צו פאַרנעמען מיטן צו־נויפשטעלן פונעם בוך. ניט נאָר האָט ער פאַרעפנטלעכט דעם גאַנצן פּראָיעקט פונעם ביכל אין דעם „פעדאַגאָגישן בולעטין," נאָר ער האָט מיר אויך אַ סך גע־האָלפן מיט זיין קאָנסטרוקטיווער קריטיק און מעגלעך געמאַכט אַז דאָס ביכל זאָל קענען דערשיינען אין דער איצטיקער פאָרם.

אַ באַזונדערן יישר־כוח קומט פר' ליפּע לעהרער, פאַרוואַלטער פון דעם פאַרלאַג „מתנות," פאַר זיין אינטערעס און געניטער אויפזיכט איבער דער טעכ־נישער אַרבעט ביים דרוקן דאָס ביכל.

דוד ברידזשער.